STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09905

100 SONETN

M. Knapheys

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קולבאק'ס
100 טאָגעריין

טעקסט פון שער־בלאַט:
שאָול ראַסקין, ניו־יאָרק

●

פּאָרטרעט פון מחבר:
דוד טושינסקי, פּאַריז

●

אילוסטראַציעס און קעפּלעך פון די ציקלען:
יוסף ראַטנער - מירסקי, ב.־אײַרעס

●

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
אַ גרופּע פרײַנד צום 25־יאָריקן ליטע־
ראַרישן יובל פון מחבר

●

געדרוקט אין טויזנט פינפהונדערט עקזעמפּלאַרן

געזעצט דורך: משה װינער

מעטראַמפּאַזשירט: הערמאַן העגער

●

דרוקערײַ „אָפּטימוס"
פון ענריקע סינאַי
װאַלענטין גאָמעז 2755

משה קנאַפּהייס

100 טאַנגאָס

פאַרלאַג „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער״

ב ו ע נ אָ ס - אַ י ר ע ס

MOISES KNAPHAIS

100 SONETOS

La tapa por:
SAUL RASKIN

El retrato:
DEVI TUSZYNSKI

Dibujos y títulos:
JOSE RATNER - MIRSKI

IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by Autor
Rem. Escalada de San Martín 2670

BUENOS AIRES
1 9 5 7

משה קנאפהייס

צייכענונג פון דוד טושינסקי

הארץ־אראפרעד פונעם מחבר פאר דער השגחה העליונה, פארן לייענער, דעם קורא-נכבד און פאר זיך אליין

פארן יידישן לייענער אין ארגענטינע שטעלט זיך דער מחבר פאר צום ערשטן מאל מיט זיינם א בוך ערשט איצט — אויפן פינפטן יאר זינט ער געפינט זיך אויף דער ארגענטינער ערד.

בוענאס־איירעס האט ער — אין א מזלדיקער שעה — אויסגע־קליבן פאר זיין צווייטער וווינהיים נאך דרייצן פאטאלע קאשמארפולע יארן וואנדערן — א היימלאזער שטאטלאזער וועלטבירגער פון קיינעמס לאנד.

א שרעק זיך אומצוקוקן אויף צוריק — צום פייערדיקן סדום וואס איז געבליבן הינטער אים, הינטער זיינע חלומות און אידעאלן; צום בלו־טיקן תהום, וווהין דער גורל האט אומברחמנותדיק א שליידער־געטון א וועלט מיט מענטשן, אין די מיליאנען, און צווישן זיי — נאך איין פינטעלע מענטש — דעם מחבר, דעם עדות און נישט־באוויליקטן קרבן, וואס האט — צוגלייך מיט דער וואנזיניק־אויפגעטרייסלטער פליטים־מחנה, מיט אלע פארפאלגטע, פארפירטע און געפירטע צו דער שחיטה, אנטרונערס און וואגלערס — מיטגעמאכט דעם טראגישן געצאפל אויפן אומהיימלעך־טונקעלן פאן פון פארצווייפלונג און אונטערגאנג; זיך געטראגן אויף די צעשפילטע, צעשטורעמטע כוואליעס פון לעבן, און דאך — ביי דעם אלעם וואס ער האט דורכגעמאכט — אליין נישט פארלוירן אין זיך דאס פינטעלע מענטש.

ס'איז פּאָלג מיך אַ גאַנג פון וואַרשעווער מאַלעריש אידילישן ווײַסלברעג ביז צו די פאַרקאָוועטע וואַסערן פונעם אירטיש-טײַך אין צפון-קאַזאַכסטאַן אויף סיביר. אַזאַ ריזיק-ווײַטער שפּרײַז פון דער סוחרישער נאַלעווקעס ביז די אונטערערדישע קאַזאַרמעס פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, ווו דער מיליטערישער עשאַלאָן מאָ-ביליזירטע האָט מיך געבראַכט אין די רייען פון די שלאַכט-באַטאַליאָ-נען קעגן נאַצישן שונא. אין רויטן שטערנלאַנד ברענט אָבער דער אומצוטרוי רויט ווי פײַער. מײַן בלוט-צושטייער איז נישט אָנגענומען געוואָרן צוליב מײַן יידיש-פּוילישן אָפּשטאַם און צוליב דער שרעק וואָס האָט דאָרט גרויסע אויגן. חער שטאַב האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן הייפל אָפּשטאַמיקע פון פּוילן. אומעטום, ווו מ'איז גע-וואָרן צוגעטיילט, האָט דער אָפּטייל-עלטסטער אונדז צוריקגעשיקט מיטן כאַראַקטעריסטישן ענטפער:

— איך וויל נישט לייגן דעם קאָפּ פאַר זיי...

אַזוי זיכער איז יעדער פון די אַרמיי-נאַטשאַלסטווע געווען אין אונדזער מעגלעכן פאַראַט, אָדער איבערלויף צום שונא. פריער נאָך, ווען מ'איז געשטאַנען אין דער ריי אויפן מאָביליזיר-פונקט, האָט זיך דער רוס געוואָרפן אויף דער ערד מיט געוויין, זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ: — יאַ כאָטשו זשיט!! איך וויל לעבן!... געשאָלטן סטאַלינען אין זײַן גרוזיניש בלוט: — גרוזינסקאַיאַ קראָוו! — בכדי מ'זאָל אים בעסער שיקן אין תפיסה איידער אויפן שלאַכטפעלד — צו אים האָט מען יאָ געהאַט צוטרוי. און מיר, וואָס האָבן זיך געריסן צום פראָנט, געוואָלט וואָס-גיכער זיך אָנטרעפן מיטן שונא פנים-אל-פנים, צו קאָנען נקמה-נעמען אין די דײַטשע מערדער, — מ י ר זענען אי-דענטיפיצירט געוואָרן מיט די פאָלקספײַנד, נישט צו געטרויען פון האַנען אַהער.

אין האַלב-מיליטערישע קליידער — אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן — האָב איך זיך געשלעפּט אין משא-צוגן מיט דער פאַרבראַקירטער גרופּע

פוילישע ייִדן איבער די מיטלאַזיאַטישע פּאַרשנייטע וועגן צו די מיליטערישע זאַמלפּונקטן, צעוואָרפענע איבער דער לענג און ברייט פון הינטערלאַנד, און אין ערגעץ נישט געקאָנט דורכברעכן די כינעזישע מויער פון אומבאַרעכטיקטן אומצוטרוי און חשד...

איצט, רעטראָספּעקטיוו — אין דער דיסטאַנץ פון צייט און שטח — קאָן זיך עס אויסדאַכטן נישט מער ווי אַ קאַנצנשפּרונג — דער בליצמאַרש פון דער חסידים-שטיבלדיקער פּראַנטשישקאַנער גאַס ביז די אייביק-פאַרשנייטע אַלאַי-טאַו-בערג אין אַלמאַ-אַטאַ — די הויפּטשטאָט פון קאַזאַכסטאַן, ביי דער כינעזישער גרענעץ; אַ זעלטענער שפּאַציר אַזאַ, ווי פון טויזנט-און איין-נאַכט-מעשׂות, דאָס אַרויסגיין פון וואַרשע, סעפּטעמבער 1939, אונטער אַ האָגל פון קוילן און טעמפּן פאַלן פון באָמבעס, און שפּעטער, דעם 22סטן יוני 1941 — אונטערן געשטעפּ פון מאַשין-געווער — פון באַלאַגערטן ביאַליסטאָק — אויף דער לאַנגער אומהיימלעכער עוואַקואַציע אין טיפן הינטערלאַנד, און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שאָכטיאָר, אַ מאָביליזירטן אין די קוילנגרובנס פון קאַראַגאַנדאַ — די פאַרשיקונג-זאָנע אויפן ראַנד פון די קירגיזישע מידבריות.

אַ סך גיכער נאָך, ממש מיט קאָפּשווינדל איז שוין צוגעגאַנגען דער צוריקוועגס פונעם אַרומגעוואַנדערטן אין אוזבעקישן טאַשקענט און סאַמאַרקאַנד, נאָוואָסיבירסק און אָמסק, פרונזע און אַריאַל, סעמיפּאַלאַטינסק און מידברשן קאַראַ-קום — דורך מאָסקווע, וואַרשעווער געטאָפּעלד, פּאַריזער שרייבער-פּליטים-הויז אויף גי-פּאַטען 9 ביזן איצטיקן אָפּשטעלפּונקט — בוענאָס-איירעס.

פאַר ווּעמען דאָס נאָענטע בוענאָס-איירעס איז געבליבן ווייט, פאַר מיר איז דאָס ווייטע בוענאָס-איירעס געוואָרן נאָענט, ליבלעך נאָענט, אייגן. אַ שטיק לעבעדיק וואַרשע האָב איך דערפילט דערין. כ׳האָב צוריק באַקומען פליגל. נאָר איצט האָב איך זיי שוין נישט געהאַט אַזוי נייטיק. כ׳האָב זיי דאָ מער נישט באַדאַרפט, די פליגל.

אונטער די פים האָב איך דערשפּירט באָדן, צוריקגעפינען אַן אוצר. כ'האָב דערפילט אַז איך שטיי מיט ביידע פים אויף דער ערד. כ'בין צוריק ביי זיך, צווישן היימישע מענטשן. מיט אָט די מענטשן וועל איך איצט טיילן פרייד און לייד — גורל פון מענטש און ייד.

אָבער נישט בלויז גורל פון ייד־מענטש. ביי מיר אויך נאָך עפּעס: מענטש־ייד פּלוס ליד. כ'האָב דעם גורל אויך אָנגעהאָנגען דאָס ליד מיינס. וואָס ס'וועט זיין מיט מיר זאָל אויך געשען מיט מיין ליד. נישט איינמאָל האָט דאָס ליד געראַטעוועט אין מיר דעם מענטש. נישט זעלטן אָבער האָב איך אויך ריזיקירט מיטן קאָפּ צוליבן ליד.

אין 1945 האָב איך איינמאָל אין מאָסקווער אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט געהאַט איבערגעגעבן — צווישן אַנדערע שאַפונגען מיינע אויף אַרויסצושיקן קיין אויסלאַנד — אַ ליד וואָס האָט געהייסן: „ס'איז דיין שיינקייט מיר דערווידער". כ'האָב געפילט, כמעט קעגן אייגענעם ווילן, וואָס איז דיקטירט פונעם זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטינקט, אַז איך מוז אָט דאָס ליד אַרויסברענגען פאַר יעדן פּרייז אין דער עפנטלעכקייט, פאַר דער יידישער וועלט.

אינעם ליד זענען געווען אַזעלכע אומצווייטייטיקע שורות אויפן חשבון פון דער טרויעריקער דערקענטעניש פון דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט:

„צי איז דאָס נישט דאָס זעלבע מעסער
וואָס האָט געשאָכטן מיינע ברידער?
מיט אָבל־טריט די אָוונטבערג כיפּאַרלאָז —
ס'איז דיין שיינקייט מיר דערווידער".

נאָכן איבערגעבן דאָס ליד בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. געווען זיכער אַז מע וועט מיך ביינאַכט קומען אַרויסנעמען פון בעט. אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. דאָס געשפּענסט פון מיין עקזיסטענץ־אומזיכערקייט איז מיר אַריין אין די ביינער ווי אַ רעוומאַטישער ווייטיק. אפשר צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דערפילט אין

דער ראָל פון אַ פּאָלנעם סאָוויעטישן בירגער בעת די גענוג אָפּטע „ריינקוונגען", וואָס קומען פאַר יעדעם מאָל אונטער אַן אַנדערן היפּאָקריטישן אויסרייד.

כ'האָב אָבער אַנדערש נישט געקאָנט. דאָס ליד מוז דערזען די ליכטיקע שיין. ס'מוז קומען אין דער וועלט אַריין. ס'האָט געמאָנט אַ תיקון. גענומען און עס איבערגעגעבן דעם ממונה איבער די מאַטע־ריאַלן וואָס ווערן איין מאָל אין חודש געשיקט קיין אויסלאַנד — פאַר דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע. און דאָס ליד איז געוואָרן אַרויסגעשיקט. אַ סימן: דעם 5טן פון חודש — זיך קוים דערוואַרט אויפן דאָזיקן טאָג — האָב איך אין אויסלענדישן אָפּטייל פון „סאָוויג־פּאָרם־ביוראָ" באַקומען אויסגעצאָלט האָנאָראַר — לויט דער צאָל אָוועקגעשיקטע שורות — אויך פאַר דעם ליד. ס'הייסט, אַז מ'האָט דאָס ליד נישט קוועסטיאָנירט, נישט פאַרהאַלטן, און אויך איך — בין ממילא נישט פאַרהאַלטן געוואָרן.

ס'איז נישט געווען דער איינצלנער פאַל פון נסיון. כ'האָב שפּע־טער געבראַכט — אויף אַרויסצושיקן קיין אויסלאַנד — די „באַלאַדע פון מענטש מיטן שיסלע זופּ", וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אָט די שורות:

„איך כאַפּ דאָן מיין שטעקן, פאַרטרייב זיי מיט קלעפּ,
קיין הונט זאָל נישט זעען ווי הינטיש איך לעב".

ווי הינטיש, הייסט עס, אַ יידישער שרייבער לעבט אויף דער עוואַקואַציע אין ראַטנפאַרבאַנד. אויך אָט דאָס ליד האָט מען אַדורכגעלאָזט דורך דער שטרענגער גרענעץ, דורכן אייזערנעם פאָר־האַנג פון דער סאָוויעטישער צענזור, אין מילחמה־צייט דערצו, און מיך, דעם מחבר, אַ צווייטן מאָל געשוינט.

זאָלן די דאָזיקע פאַקטן דינען ווי גבית־עדות. זאָלן זיי מלמד־זכות זיין — היינט, פינף יאָר נאָכן דערשאָסן ווערן פון די יידישע שרייבער, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפינען דער ממונה איבערן אויסלענ־

דישן פרעסע-אַפּטייל — אויפן פינטעלע מענטש אין אים. וואָלט ער נישט געווען פאַרמאָגט אין זיך דאָס פינטעלע ייִד — וואָלט אָט דער, וואָס זאָגט דאָ אַצינד עדות, נישט געווען אויסגעמיטן דעם גורל פון די, וועמענס געביין איז פריער — אין 1937 — אַוועק אין פאַרפאַלנקייט, ווי אַ משה קולבאַק, אַן איזי כאַריק... זייערע ביכער לידער האָב איך געזען זיך וואַלגערן אין זײַטיקן שטיבל פון מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס" אין 1946 — נײַן יאָר נאָך דעם, ווען פון די צוויי דערמאָנטע דיכטער, ווי פון אַ סך אַנדערע, איז שוין נישט געהאַט געבליבן קיין שפּור. די סאָוויעטישע ייִדישע שרײַבער האָבן זיך אַזוי לײַכט נישט געקאָנט שיידן מיט די ווערק פון זייערע פאַרפּײַניקטע חברים, די טריפה-געוואָרענע דיכטער, און זייערע איבערגעבליבענע פּאַריטומטע ביכער נישט אויסגערוימט פון פאַרלאַג.

ווי ייִדישע שרײַבער האָבן זיי — די צײַטווײַליק-פאַרבליבענע בײַם לעבן — באַוויזן אויפצוהאַלטן אין זיך דעם פּונק, טייל אויך — דעם פלאַם פון אַ ייִדישן מענטש, דאָס פינטעלע מענטש און ייִד. דער פּרווושטיין איז אויך דאָרט געווען — דאָס ליד. אויך דער נסיון בײַם שרײַבער קומט דורך זײַן ליד. ס'איז דער כוח פונעם ליד וואָס קאָן אײַנהאַלטן אינעם מענטש דעם צלם-אלוקים, דעם צלם מענטש.

אַדאַנק דעם צלם מענטש אינעם מענטש בין איך אַרויס גאַנץ ווי אַ מענטש. אַרויס מיט גאַנצע ביינער נאָכן דורכגיין קאַלטס און וואַרעמס אויף דער פראָסטיק-ברענענדיקער גאָטלאָזער ערד. און אַז מע לעבט — דערלעבט מען. קום איך עס איצט פאַר מײַן לייענער, דעם קורא-נכבד, מיט מײַן נײַעם דיכטערישן אָפּקלײַב — דער ערשטער אויף דער אַרגענטינער ערד.

* * *

טעמאַטיש האָבן אפשר נישט די לידער קיין צו-ענגן שײַכות מיט דעם אַלעם וואָס ס'איז דאָ פריִער געזאָגט געוואָרן. דער מחבר האָט

אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ ביי דער געלעגנהייט פון אַריינגעמען זיי צווישן די צוויי ווענט פון אַ ניי בוך — פאַר אַ נייעם עולם, וואָס קען אים פון זיין שרייבן דאָ און דאָרט, אָבער נישט פון זיינס אַ דיכטערישער פאַרסך־הכלונג — אַ שעפערישן עטאַפּן־אָפּשלום וואָס אַ בוך שטעלט אייגנטלעך מיט זיך פאָר שרייבעריש. אין דעם פאַל אויך דיכטעריש־פאָרמעל — לויט די נייע מאָטיוון, וואָס האָבן אַריינגעזונגען אין זיין ליד אויף זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג — נאָכן אַריבערטרעטן די גרענעץ פונעם טרויעריקן לאַנד פון די חורבות און פאַרגליווערטע בראָכשטיקער — דער איבערבלייב נאָך אַ טראַגיש־אונטערגעגאַנגענער וועלט, נאָך זיין וועלט, זיין היים, ווו ס'איז געשטאַנען די וויג פון זיינע וועלט־און מענטש־דערלייזערישע חלומות, וואָס האָבן שפּעטער געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז.

* * *

די לידער, וואָס קומען אַריין אין דעם בוך, זענען געשריבן געוואָרן אין פּאַריז, בוענאָס־איירעס און מאָנטעווידעאָ במשך די יאָרן 1949—1956 מיט לענגערע איבעררייסן אין צווישן. דער ערשטער סאָנעט — דעם 21סטן אויגוסט 1949 אין פּאַריז, דער הונדערטסטער — דעם 31סטן דעצעמבער 1956 אין בוענאָס־איירעס. געשריבן, פאַרשטייט זיך, נישט גענוי לויטן סדר ווי זיי זענען געדרוקט.

באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין אַרגענטינע, אין 1952, ווען ס'איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דורך דער ניו־יאָרקער זשורי די אַרגענטינער האָפּער־לייב־פּרעמיע ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס פאַר מיין בוך פּאָעמען „לבנה־קריכער" *) — איז שוין דאָס בוך געהאַט געווען אויספאַרקויפט נאָך אין פּאַריז. קיין בוענאָס־איירעס בין איך שוין געקומען, ווי מע זאָגט עס, מיט די ליידיקע הענט. אין יענע באַדינ־

*) דערשינען 1951 אין פּאַריז, אין דער „ביכער־סעריע פון יידישן פּען־קלוב" מיט דער מיטהילף פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביים „דזשאָינט" אין פראַנקרייך.

גונגען — פון אַן ערשטאַנגעקומענעם אין לאַנד — האָב איך אַפילו נישט געקאָנט טראַכטן וועגן דרוקן אַ צווייטע אויפלאַגע. די „100 סאָנעטן" בלייבן אַזוי אָרום, ווי דערמאָנט — דאָס ערשטלינגבוך מיינס פאַרן היגן אַרגענטינער לייענער. דאָס דערשיינען פון די לידער האָב איך צו פאַרדאַנקען אַ גרופּע פריינד אין אַרגענטינע בראש מיט מרדכי יאַלים און מיין וואַשינגטאָנער פריינד צבי שמחה לעדער, מחבר פון בוך „ריישער יידן", מיט וועמענס מיטהילף דאָס בוך איז געקומען אויף דער וועלט.

איך וויל באַזונדער דערמאָנען לשבח די קינסטלער:: דוד טושינסקי, פּאַריז, יוסף ראַטנער-מירסקי, בוענאָס-איירעס און שאול ראַסקין, ניו-יאָרק — פאַרן צולייגן אַ האַנט, פאַרן אויסשטאַטן דאָס בוך מיט אות און בילד, ס'זאָל זיין לנאה, אויך פאַרן אויג.

פון דעם אָרט דריק איך אויס מיין האַרציקסטן דאַנק זיי אַלעמען, די פריינד מיינע פאַרן דערמעגלעכן מיר אַרויסצוגעבן די „100 סאָנעטן" אין אַט דעם קינסטלעריש-עסטעטישן לבוש, ווי אַ בוך פּאָעזיע דאַרף ווערן אַרויסגעגעבן.

* * *

פון די ביכער, וואָס דער מחבר גרייט צום דרוק, האָט ער אויס-געקליבן צום אַרויסגעבן גראָד ליריק — דאָס צומיינסט-באַוואָלהטע בן-זקונימל פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס מע טרייבט עס פון אַלע זייטן, מע וויל עס רעכט נישט אַריבערלאָזן איבער דער שוועל. די דיכ-טונג האָט ביי אונדז נישט גאָר קיין געהויבענע מערכה, און זעלטן אַ לייטישן דריסת-הרגל. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ ליטעראַטור אָן דעם זשאַנער וואָס שפּילט די ערשטע פידל — אָן דער פּאָעזיע? וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט עס די ליטעראַטור געווען געהאַט אָן דאַזיקן סאַמע סענסיטיווען, געפילפולן אויסדרוק-מיטל, ווי ס'איז די ליריק, דער ראַפינירטסטער און העכסטער אויסדרוק פון דער שרייבערישער קונסט — דער קדשי-קדשים פון אַ ליטעראַטור?

אויף אַ שווערן וועג גייט דער מחבר, אַ פּשרהלאָזן, גאָרנישט קיין לוינבאַרן, דיקטירט פון געוויסן און נישט פון דער קאָניונקטור. מיטן דאָזיקן דערנערוועג איז ער געגאַנגען אין די ערגסטע צייטן, ווען ס׳האָט געדראָט נישט בלויז מיט צעבלוטיקן די פּיס, נאָר מיט פאַר־לירן דעם קאָפּ. ער האָט געהאַלטן ווי אַן ערשטן באַדינג פאַרן קיום פון אַ ליטעראַטור — ערלעכקייט צו זיך אַליין, קודם־כל. אויף אָט דעם וועג לאָזט ער זיך פון קיינעם נישט שטרויכלען.

פּונקט ווי דעמאָלט אין מאָסקווע איז נישט געווען דער כוח, וואָס זאָל אים האָבן געקאָנט אָפּהאַלטן נישט איבערצוגעבן די שוין דער־מאָנטע און אַנדערע ענלעכע לידער, כאָטש ס׳האָט געשמעקט מיט סכנה, — אַזוי איז אויך דאָ זיין פען געבליבן נישט קיין אָפּקויפלעכע, און זיין מיינונג, ווי זיין געפיל — אומאָפּהענגיק און פריי.

אויב ער האָט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון דאָרט, אין יענעם לאַנד, ווו די האַק איז געהאַנגען אַן אומגעזעענע איבער זיין קאָפּ — וועט ער דאָ, אין דער פרייער וועלט אוודאי באַוויזן צו פאַרטיידיקן זיינע גערעכטע פּרינציפּן, פּרינציפּן וואָס אָן זיי איז נישט דענקבאַר קיין געוויסנהאַפטיקייט און חשיבות, וואָס ס׳פאָדערט זיך פון אַ שריי־בער בכלל און פון אַ ייִדישן בפרט. און אַזוי ווי די השגחה העליונה איז אים ביז איצט ביי געשטאַנען אין זיינע נסיונות, האָפט ער, אַז זי וועט אים — על כל צרה שלא תבוא — אויך אויף ווייטער נישט פאַרלאָזן.

כן יהי רצון . . .

משה קנאַפּהייס

בוענאָס־איירעס, דעם 12טן אויגוסט, 1957.



פּאַריזער סאָנעטן

עס טרעפט...

עס טרעפט אין אַ זונ־טאָג, גאָר אומגעריכט
דעם מאַנטל פֿון טרויער כ'טו אויס —
ער פֿאַלט אויף דער ערד — גראָ און גרויס —
און כ'לויף נאָכן רוף און דעם ווינק פֿון ליכט.

פֿון קלאַנגען און פֿאַרבן ווער איך פֿאַרשלעפּט...
דער פֿינקל פֿון בליקן און ווייַן
פֿאַרשיכורט מיך, נאַרט מיך אַרייַן...
אַ זאָרגלאָזער כ'פֿריי זיך מיט אַלץ וואָס לעבט.

עס קלינגען די גלאָקן פֿון נאָטר־דאַם,
צעוויגן די רו און ס'געמיט
פֿון פֿריידיק־פֿאַרזינדיקטן ליד,

וואָס האָט זיך אין רויש פֿון פּאַריז —
פֿאַרפֿירט פֿונעם רייץ פֿון קאַפּריז —
פֿאַרגעסן אַ ווייַל און אַ זינג־געטון סתּם.

דער וועג צום ליד

דער וועג צום ליד — צוריק צו זיך דער וועג.
געבענטשט זאָל זײַן די מי, דער צווייפל און פאַרדראָס;
קומסט צו דער טיר פון ליד און ס'טרעפט, דו טרעפסט אַ שלאָס,
און מיד, אַנטוישט דו גייסט פון דאָרט אַוועק,

און טרעפסט דאָס ליד — אין שענק באַרוישט, צעגליט...
דו נעמסט און טוסט עס אויס פון אומזיניקע רייד;
עס ווײנט זיך אויס פאַר דיר און ס'ווערט צוריק אַ לײַט —
באַשייד פון אַלצדינג וואָס דו זוכסט אין ליד.

און זאָל פאַריז פאַרזינקען ווײַטער אין געַנום —
צעווייגט פון טענץ פאַרשייטע און פאַרפירט פון זנות.
ס'איז גרעסער נאָך דערמיט דער פײַערפרווו.

און איך און ליד — אין מיטן נאַכט אַ רוף
נאָך הילף... איז קומט דערפאַר אַ דאַנק אָט דעם וואָס האָט
מיך נישט געמאַכט צו נאַר און נישט מײַן צער — צו שפּאָט.

מײַזצער

ס'וויל קיינער דאָ נישט וויסן פון מײַן צער,
וואָס כ'טראָג אים מיט זיך פון די חורבות — שטום און וויסט.
איך גיי מיט אים אַרום אין רוישיקן פּאַריז,
ווי כ'פּלעג אין וואַרשע גיין מיט דער געפּאַר.

איך שטופּ זיך גלײַך מיט אַלע אין געשפּאַר,
איך ווער געשטויסן און פאַרטראָגן מיטן שטראָם...
וווּהין? אַהין, אַהין, ווּ ס'וואַרט אויף דיר דער תהום,
ווּ ס'וואַרט אויף דיר דער אונטערגאַנג־קאָשמאַר.

ס'איז אַנדערש אין פּאַריז דער יאַנואַר,
אַן אַנדערער — דער פרילינגרויש וואָס ס'ברענגט דער מאַי
צוטראָגן דאָ אַהער אויף דעם בולוואַר,

וואָס קאָכט מיט ווײַנשענק, זונה און קלאָשאַר * . . .
און איך — ווידערקול פון ווידוי־קול, פון טויטגעשריי —
וואָס פּלאָנטער איך זיך אום דאָ מיט מײַן צער?

---

* שלעפּער, וואַגאַבונד

פונעם שוימיקן שײַן...

פֿונעם שוימיקן שײַן פון פּאַריזער בולוואַרן
קאָן דער טתּקעלער טרויער אין ליד נישט צעטייען;
ס'ליד איז פול נאָך, ווי ס'האַרץ מײַנס, מיט אומקום־געשרייען
און ווי ס'האַרץ קאָן דאָס ליד מער נישט ווערן דערוואַרעמט.

ס'איז מײַן גורל אַזאַ שוין. כ'באַדויער נישט. מילא.
כ'גיי דעם רויש דאָ פאַרבײַ ווי אַן עכאָ, אַ שאָטן...
וואָס עס קאָן אַלץ אַ מענטש אין אַן איינציקער שעה טון!
נאָר אין לעצטן סך־הכל וועט בלײַבן: פיר איילן.

ס'זענען זינדיקע רייד און — כ'ווער פול מיט חרטה.
פאַר הי־שעה זענען מענטשן גרייט מקריב זײַן וועלטן.
זע, די ליבע פון שלעפערשן פאַרל! זי גראָדע

איז דאָס גליק וואָס עס לאָזט זיך פאַר געלט נישט פאַרגעלטן,
ווי דער טרויער איז זי אויך אַרויס פון דער מאָדע,
פונקט ווי ס'ליד, דער פּאָעט, אַלע טראַגישע העלדן.

שפּיגלען

אין אַזוי פיל שפּיגלען שפּיגלט זיך פּאַריז!
און אין אַזוי פיל שיינע פרויען אויך.
אין רויטן נעגאָליכט, וואָס צאַפּלט, לויכט,
בלוטיקן די שפּיגלען, פרויען, גאַנץ פּאַריז.

כ'בין דער שאָטן, דער וואָס שאָטנט אָפּ פּאַריז —
מיט אָט אַזוי פיל טרויער בין איך פול,
אַזש איבער ברעגן פול — צו ווערן דול
און אַזוי פיל טרויער שפּיגלט אָפּ פּאַריז.

נאָר פּאַריזער קוקן זיך אויף אים נישט אום.
זיי דאַרפן וויַין צום טיש, אַ שטיקל קעז,
שיטן פלאַפּלרייד ווי זשאַרנעס אין אַרום...

און בית־עולמס אויף די פּאַרטן וואַרטן שטום,
געדולדיק וואַרט מאָנמאַרטר, פּער־לאַשעז, —
זאַפּן אײַן אין זיך דער נאָטר־דאַמס בום־בום.

פּאַריזער בולוואַרן

פּאַריזער בולוואַרן אַזייגער אַכט
פאַרשמעקן מיט ליבעלוסט, פרויען און זינד,
מיט מענער וואָס פירן אויף רימענס די הינט,
פאַרבענקטע ווי זיי אינעם אָנקום פון נאַכט.

עס שלאָגט צום בולוואַר פונעם אָפענעם באַר
אַ ריח פון זנות און פון זויערן ווײַן,
און ס׳גיסט זיך ווי ווײַן דער געדעמפטער שײַן
אין צעהיצטן געמיט, אינעם מאַן־פרוי־געשפּאַר.

ס׳זוכט איינער דעם צווייטן מיט שיק און פלירט,
פאַרגעסן אַלײן, אַז זיי ווערן געפירט
אַזוי ווי די הינט — אויף אַ רימען פון זינד.

בענגאַלישער פלאַמענלויף רופט און פאַרנאַרט,
עס קנאַלט די מוזיק פון טאַווערנעס צעשפּאַרט,
בלויז איינער, דער הימל איז טויב און בלינד.

פּרינץ־פּאָעט

דאָרט נעפּלט זיך דער שטויב
אויף אַלע חורבן־וועגן.
מע זוכט נאָך ס'גאָלד, מע קלויבט
דאָס יידישע פאַרמעגן.

און דאָ — פאַרשטומט און טויב —
אויף קויטיקן געלעגער
פאַרוואַלגערט ליגט, באַרויבט —
דער פּרינץ־פּאָעט. דו רעג אים

נישט אויף מיט רייד. זײַן קרוין —
צעטראָטן פון המון.
ער גיסט דעם ווײַן — אַ רעגן.

און ס'שחיטה־בלוט פון תהום
שטײַגט־אויף און פליצט פאַרשוימט
איבער אַלע וועגן.

וואַקזאַלן

מיך שרעקט די ליידיקייט וואָס זעצט זיך אָפּ
אין קאַלטע אויסגעלאָשענע וואַקזאַלן.
דער לעצטער נאַכטצוג איז אין ווייַט פאַרפאַלן,
אַוועק מיט פּאַסאַזשירן אָנגעפּראָפּט.

כ׳בין אויך אַ פּאַסאַזשיר — פאַרשפּעטיקט כ׳האָב
דעם צוג, ס׳געשפּאַר, דעם ליאַרעם, ס׳לויפן, פאַלן,
ווי קי — אין שרעק — פון ברענענדיקע שטאַלן...
דער רויש און טומל שווערט נאָך אַלץ אין קאָפּ.

און ס׳האַלט מיך דאָ פאַריז פאַרקלעמט, פאַרשטאָפּט.
מיר דאַכט, ס׳איז איינער פון די נאַכטוואָקזאַלן,
עס גייען בלויז קיין צוגן מער נישט אָפּ.

איך זוך אַלץ יענעם צוג וואָס איז אַראָפּ
פון וועג, ווי ערגעץ — אָן אַ שפּור פאַרפאַלן...
און גראָ געוואָרן איז דערווייַל מייַן קאָפּ.

די באַנק אין ביטשעמאָן *

איך זיץ אַליין דאָ אויף דער באַנק אין בישטעמאָן,
אַ פּראָסטע באַנק, אַ באַנק אין פּאַרק, אַ גרינע,
אַחוץ קלאָשאַרן — ווער האָט זי אין זינען?
אין גאָרטנבענק אַ סך אַזעלכע זי דערמאָנט.

מיט וואָס זשע האָט זיך עס די באַנק אַזוינס פאַרדינט,
אַז ס'זאָל זי אַ פּאָעט אין ליד באַשרײַבן;
אַז ס'זאָל פון איר אַ זכר איבערבלײַבן
נאָך דעם ווי זי וועט ווערן פּרוכנע, אויסגעדינט?

זעט אויס, דאָס מזל פון דער באַנק איז שוין אַזאָס!
אַ צווייטע באַנק פאַרבעט צו זיך אויף קיבעץ, שפּאָס
מאַדאַמען, לײַכטע קעפּ — רכילותן צו טרײַבן, —

די באַנק אין ביטשעמאָן וויל — א י ך זאָל זײַן איר גאַסט,
זי ווייסט, אַז איך בין שטאָטלאָז, היימלאָז, אָן אַ פּאַס —
און בעט מיך שטענדיק: — בלײַב!... און כ'זאָג איר צו צו בלײַבן.

---

* אַ פּאַרק אין פּאַריז

פּאָעט און קלאָשאַר

אין פּאַריז אויף אַ באַנק אין אַ סקווער —
אַ פּאָעט און אַן אַלטער קלאָשאַר.
איך אַליין ווייס נישט מער ווער ס'איז ווער,
און מיר ביידע פאַרטרינקען דעם צער

מיט אַ שלונג פון דער פלאַש, פונעם ווײַן.
ר'איז ווי איך — אָן אַ היים, אין דער פרעמד,
כאָטש דאָס לאַנד איז זײַן לאַנד, איז זײַן היים,
ווי דאָס שאָרסטיקע ליינענע העמד.

ס'איז מײַן וועלט, ווי זײַן וועלט, מער נישטאָ
און איך לעב, ווי ער לעבט — אין אַמאָל...
ס'זענען שאָטנס געווען און אַוועק,

נאָר די באַנק און דער סקווער זענען דאָ
און פּאָעט און קלאָשאַר — אין איין ראָל —
בלאָנדזשען היינט אויף אַ נעכטיקן וועג.

אין פאַרק מאָנסאָ

איך בין דער אומעטפלעק אין פרילינגפאַרק מאָנסאָ.
אַרום איז פרייד, געזאַנג פון קינד און שוואַלב, און פלאַם
פון בלאָען בעז וואָס ווינקט פון גרין געצווייַג מיט סוד
אַז עפּעס נאָך און עמעץ נאָך איז דאָ פאַראַן.

ווער זעט דעם שאָטן דען ווען ס'איז אַ זון דאָ גראָד?
די זינדמויד אויף דער באַנק בלויז זעט אין מיר דעם מאַן...
אַ יונגפרוי — פול מיט רייץ — וואַקסט־אויס פון שטיין וואָס גראָט,
און איבער איר — איר מייַסטער — גי דע מאָפּאַסאַן.

און קינד און שוואַלב און שפּיל — ס'ווערט אַלץ מיר דאָ אַ שאָד...
— דאָס לעבן, וויס, לעבט אייביק, פרייַנד! — זאָגט מאָפּאַסאַן
צו מיר פון פיעדעסטאַל מיט אָנדייַטונג און סוד.

און ס'ווערט ביז ווי פאַרגאַנגלעך באַנג מיר יעדער שפּאַן,
און כ'פאַל אַרייַן אין רויש — אַנטקעגן אין „ביסטראָ": 1)
— גאַרסאָן, 2) אַ שוואַרצע קאַווע מיט אַ קרואַסאַן! 3)

---

1) קאַפע

2) קעלנער

3) אַ חצי־לבנהדיק בייגעלע

פאַריזער פרילינגטעג

פאַריזער פרילינגטעג. דאָ בלאָען אינעם סאָד,
עס שווייַגט די זיילנריי פון שלאָסרויִן בייַם ראַנד —
פאַרגרינט פון מאָך און אַלטקייט — אייַנגעהילט אין סוד,
און שפּיגלט זיך אין סטאַוול מיטן זילבערשוואַן.

איך ווייס נישט אָפּט מאָל דאָ נאָך וואָס, ווּהין איך שפּאַן.
דער אומרו און דער נייגער גייען אָפּט געפּאָרט.
די שוואַלב פאַרלויפט דעם וועג מיר — שפּרינגט פון אָרט צו אָרט,
און פול מיט אָנדייַט איז דער בלאָער שוואַלבס געזאַנג.

פאַרשאָטנטע אַלעען אין פרימאָרגן־שעה.
עס פוסטעווען די בענק. ס'איז קיינער דאָ נישטאָ,
בלויז איך, די בלאָע שוואַלב און — אויפן סטאַוו — דער שוואַן.

ס'איז אויסער אונדז, דעם דרייַלינג — נאָך ווער דאָ פאַראַן —
דער שר פון סאָד — אַן אומגעזעענער ער שפּאַנט
אום רווישלאָז צווישן בוימוואַרג מיטן ווינט בייַנאַנד.

פּיגאַל־מאַזאַיק

האַלבע נאַכט. קאַבאַרעט „שוואַרצע קאַץ"
אויף פּיגאַל. קרומע טרעפּ. קעלערטיף.
טאַנצגעווייג. קערפּערבייג. וואַנדערשיף.
כוואַליעסרויש. ווירבלווינט רייסט דעם מאַסט.

ס'ברעכט די פלאַש גאַל־שאַמפּאַן אויף דער טאַץ.
שווינדלשיין פּילקאָלירט — רעגנטריף.
זינגעזינק. נעפּלגלי. בליקפּאַרבליף.
רזשאַזגעבראַזג. פּידלכריפּ. סטרונגעפּלאַץ.

בלוטגעשריי. אורוואַלדשטים תהומיק טיף.
פליישגעקנויל. קנוילן סעקס. פּלאַץ נאָך פּלאַץ,
פּאָר נאָך פּאָר — פּנימלאָז, היראָגליף.

ליכטפּאַרלעש. שאַטנשוועב. לעבנסשיפּר.
שטולנריי פּיסאַרויף. מויזנקראַץ.
נאַכטגעשטאַנק. בעזעמקער. מוילגעפּיף.

אין קאַבאַרעט

די געלע אַקטריסע זינגט הייזעריק דומפּ,
די הענט אירע בלאָען געריַנצלט פֿון קעלט.
די טענצערין בייגט זיך אין דריַיען און שעלט
די געסט ביַי די טישלעך — פֿאַרלאַנגוויַיליקט שטום.

איר שאָטן אויף וואַנט פֿאַלט געהויקערט, צעקרומט.
אין פֿראַק דער גאַרסאָן ברענגט שאַמפּאַנער און שטעלט
די פֿלאַש אויפֿן טישל וואָס ראָזט זיך און געלט
און גרינט לויטן פֿאַרבביַיט פֿון בינעליכט צום

באַוועג פֿונעם טאַנץ און צום טאַקט און געברום
פֿון דזשאַז פֿון דער נעגער־קאַפּעליע צעקוועלט,
צעהירזשעט, צערעוועט — אַ סטאַדע אין פֿעלד,

געיאָגט פֿון אַ שריפֿה אין דזשונגל צעהעלט...
דער רויכקנויל דערגרייכט שוין אַהער און פֿאַרשטעלט
די בינע, די געסט און דעם גאַנצן אַרום.

אין דער גאָרטן־אַלעע

אין דער גאַרטן־אַלעע פון פער־לאַשעז.
דאָס בית־עולם פון הינטן, די קברים־ריי,
און פון פאָרנט — די גאַס ליגט. עס גייט פאַרביי
אַ פאָרפאָלק מיט אַ הינטל. עס שמעקט דער בעז.

אין אַ פרילינג־באַגינען איר טרעפט מיך דאָ
אויף דער באַנק — אין רעיונות אַרייַנגעטון,
אַז דער טויט אין פאַריז אויך אַ רייך האָט, און —
וועגן יענע, וואָס זענען שוין מער נישטאָ,

די, וואָס פוילן אין דרערד דאָ אונטער מיר...
זייער ריח, וואָס קומט דורכן גראָז, איך שפיר
און איך אָטעם אים אין זיך אַרייַן אָצינד.

אָט ווי א י ך — האָבן זיי אויך אַמאָל געפלעגט
דאָ שפּאַצירן און טראַכטן פון לעצטן וועג
און אַנטלויפן זיך טוליען אין ווייַב און קינד.

נאָנעס

צוויי שלאַנקע נאָנעס אין שוואַרצער טראַכט,
מיט הענט ווי רידלען און שאַרפֿע נעז,
זיי שפּאַנען אײַליק אַנטקעגן נאַכט
פֿאַרבײַ דעם פּאַרקאַן פֿון פּער־לאַשעז.

די שוואַרצע שלײַערן אויף די קעפּ —
אין סוד פֿון אַ צוזאַמענהאַנג
מיט שאָטנס זייערע, ווי די שלעפּ,
וואָס קרומען נאָך דעם גאָנגאַנג.

די נאָנעס פֿלאַטערן גיך אַוועק,
צו זײַן וואָס ווײַטער פֿון טויטפּאַרדאַכט,
פֿון שײַכותן מיט בית־עולם־שרעק,

און ווייסן נישט, אַז אין זייער טראַכט,
אין שוואַרצן פֿלעק — איז אויפֿגעדעקט
דער טויט אַליין, נישטאָ געדאַכט.

בײַם טױער פֿון פּער־לאַשעז

ס'בית־עולם־טױער אױף שלאָס פֿאַרמאַכט,
גלײַך ס'װאָלט געקאָנט געשען אַ נס,
ס'זאָל עמעץ אױפֿשטײן פֿון טױטפֿאַרגעס —
פֿון לאַנגן שלאָף װאָס דער שטײן באַװאַכט.

דער גורל חוזקט פֿון אונדז און לאַכט!
איז קומט אַהער אַ קלאָשאַר צוגעסט
אױף ד ע ר זײַט טױער פֿון פּער־לאַשעז
און לײגט זיך שלאָפֿן אױף איבער נאַכט.

און אפֿשר איז עס געשען דער נס:
אָט דער, װאָס ליגט דאָ, איז גאָר אַ מת,
אַרױס פֿון קבר — געזונט און װאַך —

אַװעק אין שענק און געטאַנצט בײַ דזשעז,
צוריקגעקומען און — װי דו זעסט —
געטראָפֿן ס'טױער צוגעמאַכט.

פּ ר ו י ע ן

פּרויען בעטלען ליבע אין די סקווערן,
שווינדזוכט־קראַנקע, הויט און ביין — סקעלעטן,
אויסגעוואַלגערטע אין אַלע בעטן, —
איין געלעגער בלויז וועט זיי געהערן...

וואָס אַזוינס נאָך קאָנען זיי פאַרלאַנגען?
נעכטן ערשט געווען איז זייער לעבן —
חלום, שפּיל... אַ פלאַטערל אין שוועבן...
אין אַן אויגנבליק איז אַלץ פאַרגאַנגען.

קינדער שפּילן זיך ביַי זיי צופוסנס.
אויסגעלאַכט איז אַלץ דורך זיי געוואָרן —
יוגנט, גורל, חיים, מאָראַל, געוויסן.

פרויען. קינדער. דיכטער. וואַגאַבונדן.
פרילינג. פּער־לאַשעז. אַלעען. קברים.
ליד, מיַין ליד! ביסט פריַי, ביסט אויפגעבונדן.



טעאַטער - סאָלעטן

טעאַטער

ס׳וויל קיינער אין טעאַטער מער נישט בלײַבן
ווען ס׳פֿאַלט דער פֿאָרהאַנג נאָכן שפּיל אַרונטער;
ווען אַלע חלום־וועלטן גייען אונטער
און ס׳בלײַבט שוין גאָרנישט דאָ אין וואָס צו גלייבן.

דער אומרו, וואָס אין ליכטזאַל האָט געררופֿן,
אויף ס׳נײַ די מענטשן נעמט פֿון דאַנען טרײַבן.
אויף זייער אָרט דאָ, אויף די פּלושבענק הייבן
זיך אָן באַזעצן שאָטנס — הויל, אָן גופֿים.

און אויף די אַלטע בינעברעטער קאַלטע
באַווײַזן זיך די שוישפּילער־געשטאַלטן
פֿון לאַנג־פֿאַרגעסן־אָפּגעשפּילטע פּיעסן.

און אינעם שפּיל באַנײַט די מײַסטערס ווערן,
און ס׳לעבן־אויף די שאָטנס, ווישן טרערן,
ווי די וואָס זענען נאָר־וואָס דאָ געזעסן.

אַקטיאָר

רונדאַרום, אומעטום, ווו דו קומסט — קומט דײַן רום
מיט דיר מיט, גייט דיר נאָך, גייט פאָרויס און אַנטקעגן,
און דו זוכסט, הייבסט און קלײַבסט — שטויב צו שטויב — אַ פאַרמעגן,
ביז אין שפּיל דו פאַרשפּילסט, איידער נאָך קוקסט זיך אום —

זיך אַליין, מיט דײַן ווייץ, מיט דײַן לאַך און גרימאַס.
ס׳גייען־אײַן, ס׳ווערן קליין, ס׳שרומפּן־אײַן אַלע וועגן.
בלויז דײַן רום קומט נישט אום, פרום באַוואַכט דײַן געלעגער,
ווי אַ הונט — טרײַ און שטום, ווי דיר קומט, ווי עס פּאַסט . . .

ס׳איז דײַן טראָט, ווי אַ ראָל, שוין באַשטימט פון פאָרויס,
גאַנץ געניי אָט אַזוי פילסטו אויס, שפּילסטו אויס
גורל־שפּיל, גורל־גאַנג . . . וואַהין? — נישט צו פרעגן.

מיט אַ זשעסט געב זיך טיף אַ פאַרנייג, זיך געזעגן,
דאַרפסט שוין מער נישט דעם גרים, רעקוויזיט — אַלץ טו אויס,
ס׳איז די צײַט, סוף פון שפּיל, דאָס ספּעקטאַקל איז אויס.

הינטער־קוליסן

פון טונקעלן תהום פון די הינטער־קוליסן
קומט־אויף — ווי פון הינטער־באַוווּסטזיַין דער ווילן —
דער העלד, וועם באַפעלט ס'איז געוואָרן צו שפּילן,
אַט גלייַך ווי דעם טייַך — זיך צו כוואַליען און פליסן.

דער העלד אויף דער סצענע — פול טענות, פאַרלאַנגען,
אין גדר פון ראַמפּעליכט פלאַטערט ער, פיבערט . . .
זיַין פיבער גייט איבער דער ראַמפּע אַריבער,
נאָר ער בלייַבט אין כישוף פון ליכטקרייַז געפאַנגען.

און גלייַך מיט דער בינע ווערט ער אויך פאַרלאָשן,
און וואַלגערט זיך ווי — אַ פאַרשטויבטער, אָן לשון,
ווי זיַין רעקוויזיט — פון די מאָלן צעביסן.

דער העלד שפּילט זיַין ראָל לויטן ווילן פון מייַסטער,
ער ראַנגלט זיך, רייַסט זיך צו הייכן — דאָך ווייסט ער:
גישט וויַיט וואַרט דער תהום פון די הינטער־קוליסן.

ים-סאָנעטן

די ימיקע וואַסערן

די ימיקע וואַסערן בלוינבלאָ, פֿאַרגרינט
מיט ווײַסע צעפּלאָשעטע זײדישע בערד,
צעטראָגענע לויפֿן אַהער און אַהין,
אָט שטײַגן זײ, פֿאַלן, אויף־אָפּ, אומגעקערט.

ווער יאָגט זײ, ווער טרײַבט זײ? וואָס וויל מען פֿון זײ?
פֿון אײביק ביז אײביק אין רויש און באַוועג.
ווער הערט זײער תּפֿילה? ס'ווערט זײער געשרײ
אײנײנעם מיט זײ אויך פֿאַרפֿאַלן אין וועג.

ווער ריכט זײ, ווער פֿירט זײ, נאָך וואָס און ווּהין
אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו דורך נאַכט און דורך טאָג?
זאָל זײַן אַז אין רויש און אין טויש ליגט דער זין?

אין פֿאַרבײַט פֿון געל־גרין אויף אולטראַ־מאַרין?
אין קומען מיט פֿרייד און פֿאַרגיין מיט געקלאָג?
איז וואָס זשע דערפֿון זײ? איז וואָס זשע די מי?

פֿאַנטאַסטישע לאַנדשאַפֿט

די הימלישע לאַנדשאַפֿט אַנטקעגן
שטעלט־פֿאַר אַ פּלאַנעט אומבאַקאַנטן
מיט וואַלקענע הײַזער־גיגאַנטן,
מיט פּליינען, מיט וועגן און שטעגן.

דער קופּערשײַן איבער די ראַנדן
זאָגט עדות פֿון פֿײַער־געשלעגן...
אַ שיף ציט אויף ענדלאָזע וועגן
מיט זעגלען — צום פּלאַץ געשפּאַנטע.

ווו וועט זי, די וואַלקנשיף לאַנדן?
די הימלישע אָונט־געוואַנדן
פֿאַרווישן די שפּורן פֿון ברעגן

און אויך פֿון פּלאַנעט אין זײַן וואַנדער —
די לופֿטשטאָט מיט הײַזער־גיגאַנטן
וואָס איז דאָ אין פֿײַער געלעגן.

ס'בילד פונעם זונפארגאנג

נאכט אויף די וואסערן פונעם אטלאנטיק.
כוואליעס אין לבנה־שיין זילבערן, גלאנצן.
ליכט אויפן שיפדעק. מוזיק. פארלעך טאנצן.
ס'שניידט זיך די שיף דורך איר ים־זועג שארפקאנטיק.

כ'פ״ר אין מיין רענצל די אלטע ראמאנטיק —
בענקשאפטן, ליבע, חלומות, ראמאנסן. —
ס'גאלד פון מיראזשן פארמאגט אלע שאנסן
מער נאר ווי אליץ דא צו זיין קאנטראבאנדע.

הימלישער מייסטער פארשמירט אייגנהאנטיק
ס'בילד פונעם זונפארגאנג — רייך אין ניואנסן —
קרעפטיק געשאפן אין קאסמישע טראנסן.

ס'ליכטיקט נאך אליץ דאך און פלאטערט געוואנדיק
פריש אינעם בלוט מיינס מיט פלאמפארבן־קראנצן,
כאטש ס'איז אן שפור שוין פארלאשן אין גאנצן.

פאַר שטורעם

דער ים־מלך רינצלט דעם שטערן
און כמורעט די ברעמען אין האַרבסט.
זײַן רוקן געהאָרבעט, געקאַרבט
פון אומעט, פון איינזאַמען קלערן.

די טונקעלע כוואַליעס פאַרמערן
זיך גיך אינעם לויף און די פאַרב
די גרינע ווערט ביטער און האַרב
ווי גאַל וואָס צום ברעכן נעמט קערן.

דערצערנט דער ים וויל פאַרצערן
די לאַסט — אונדזער שיף וואָס ער וואַרפט
אַרונטער־אַרויף ביז די שטערן, —

דער זאַקרוויב צו אים זאָל געהערן:
די שיף מיט איר קרעכץ און דער האַרבסט
וואָס כליפּעט מיט ביטערע טרערן.

ים־סימפאָניע

דער ים שפּילט־אויף זײַן ווינטיקע סימפאָניע.
די כוואַליעס־טענער מעכטיקע, צעברויזטע,
צעבאַרגן זיך און פאַלן אָפּ צעשטויסטע,
ווי ס'וויל די שפּיל, דער ים און די איראָניע.

די פידלשיף מיט שווערפאַרהאַקטן אָטעם.
עס בלוטיקן די סטרונעס פון קאַנאַטן.
מאַטראָסן — אַ געמיש פון אַלע שבטים —
זיי שעלטן זיך אַליין אין טאַטנס טאַטן.

און ס'רײַסן זיך געוואַלדן פון די שיפן,
וואָס ליגן לאַנגדערטרונקענע אין טיפן,
צוזאַמען מיט אַ הילכיקן געלעכטער

פון נימפעס נאַקעטע — דעם ים־האַרס טעכטער,
וואָס טונקען זיך אין אָוונטגאָלד אין בונטן,
און ס'נייגט דער דיריגענט זיך ביז די גרונטן.

כוואַליעס

אויפֿן ים־פֿעלד נעמט זיך צינדן
יעדע כוואַליע ווי אַ שײַטער.
און די כוואַליעס יאָגן ווײַטער,
יאָגן ווײַטער און פֿאַרשווינדן.

אין די שײַטערס — קינדער, זקנים,
פֿלאַקערן מיט שוים אויף ליפּן.
קינדער לאַכן, זקנים כליפּען, —
גורל־גאַנג וואָס מײַדט נישט קיינעם.

און דער האַר פֿון איבער ימען —
הערט ער דאָס געזאַנג פֿון טרערן,
קול פֿון ים און מענטשלעך לשון?

אַלע — אַלט און יונג צוזאַמען,
שרײַען, ראַנגלען זיך און ווערן
מיטן פֿײַנגעשריי פֿאַרלאָשן.

בוענאָס-אײַרעסער סאָנעטן

אויפֿן בוענאָס־אײַרעסער ברעג

איך שפּאַן איצט אום דאָ אויפֿן אויסגעטרימטן ברעג.
אָ, וויפֿל אויגן זענען צו דעם ברעג געווענדט?
אַזוי פֿיל שיפֿן קומען אָן דאָ פֿון דער פֿרעמד
און לאָזן זיך צוריק אין לאַנגן וועג.

זיי קומען און זיי גייען ווי די נעכט און טעג,
און ווי די שקיעה אויפֿן ברעג — די בענקשאַפֿט ברענט
אין מיר נאָך יענעם לעבן מײַנס וואָס איז פֿאַרלענדט,
און ס׳פֿירט נישט מער אַהין קיין וועג, קיין שטעג.

איך בלאָנקע אום אין פֿאַרט מיט אומזיכערן טראָט.
די שטאָט, ווי כ׳בין פֿאַרשטאָט, איז נישט מײַן שטאָט.
מײַן היים איז ווײַט — אויף יענער זײַט פֿון האָריזאָנט.

דער אָוונט קומט און הילט דעם ברעג אין נעפּל, סוד,
און פֿון די וואַסערן גייט־אויף אַ רויש וואָס האָט
די שאַרפֿקייט פֿון אַ יאָמערן וואָס רופֿט און מאָנט...

אין טיף פון קאַריענטעס *

אין טיף פון קאַריענטעס — נעאָנען —
אַ ים אַ פילפאַרביקער, בונטער,
וואָס כוואַליעט זיך, שטײַגט, פאַלט אַרונטער —
אַ לײַדנשאַפט־טאַנץ פון דעמאָנען.

זיי פלאַקערן תאווהדיק־צונטער
בײַם ראַנד פון צעעפנטע תהומען,
וואָס רופן און מאַנען, דערמאָנען,
אַז אַלץ וואָס ס'קומט־אויף — גייט אויך אונטער.

נאָר טיף איז דער ליכט־ים, אָן גרונט ער,
און ס'לויפן די פײַערן מונטער —
צעלויכטענע פאַרביקע שטראָמען.

עס לאַכן באַרוישט די דעמאָנען
און זינקען אַלץ טיפער אַרונטער
אַזוי ווי אַ שיף וואָס גייט אונטער.

---

* גאַס אין בוענאָס־אײַרעס

ביינאַכט אויף קאַזשאַאַ*

ביינאַכט אויף קאַזשאַאַ. אַ רעגן
האָט ראַש, ווי עס קער, זיך צעשפּילט.
עס לויפן די מענטשן ווי ווילד,
און ס'יאָגן די שטראָמען אַנטקעגן,

מיט ווינטיקן וואָיען און ברומען —
אַ שלײַדער אַ גאָס נאָך אַ גאָס...
ס'איז אַלץ, טיר און טויער אויף שלאָס.
נישטאָ ווו צו לויפן, אַנטרונען.

און איך האָב עס מזל געהאַט!
אַ שויך און אַ דאַך כ'האָב געפינען —
אַן אָפן קאַנטאָר מיטן־דרינען!

אַ בליק... עס אַנטפּלעקט מיר דאָס חיות:
„מיר מאַכן די שענסטע לוויהס
קאָמפאָרטאַבל, גיך, מיט פּאַראַד"...

* גאַס אין בוענאָס־אײַרעס

מיסטקלייבער

פֿאַרטאָגיקע גאַסן אין בוענאָס־איירעס.
פֿאַרלאָשענע דרעמלען אין צענטער די קינאָס
מיט בילדער פֿון „שטערנס" אין פֿענצטער־וויטרינעס.
די מיסטקלייבער וואַרפֿן דאָס מיסט מיט הפקרות

אַרײַן אין די מיסט־אויטאָס — עמער נאָך עמער.
זיי כאַפּן אין צווישן אַ בליק אויף די בילדער
פֿון פֿילם־אַקטריסעס מיט תּאווה צעשפּילטער
וואָס זיצן האַלבנאַקעט בײַם שפּיגל אין דעמער.

אַ ווײַל — און די מיסט־ריחות וואַלטן זיך וועפּן,
און לופֿטן פֿאַרגייט עס מיט פֿרויענלײַב פֿרישן
וואָס נעמט מיטן ריח פֿון מיסט זיך פֿאַרמישן.

די יינגען, ווי שיכּור, די מיסטעמערס שלעפּן
און וואַרפֿן אין וואָגן מיט לוסט און הפקרות
פֿאַרטאָג אויף די גאַסן פֿון בוענאָס־איירעס.

רעקלאַמע

אַ מיידל ווינקט רייציק אַראָפּ פון אַ בלאָער רעקלאַמע
געראַמט אין אַן אײַזנגעפלאָכטענער רייף;
זי מיינט נישט די ליבע... דאָס פּעקעלע זייף,
וואָס ליגט לעבן איר בײַ דער זײַט, איז זי אויסן מיסתמא.

און מענערשע בליקן — פול גלוסט — גאַרן ס'לײַב פון דער דאַמע
אין מיטן פון גאַסיקן טומל, געלייף.
מיט פאַרביקע פעדעם פון ליבע — געשטרייפט
איז ס'לעבן, אַפילו ס'פאַפּירענע פון דער רעקלאַמע.

ס'איז ברוזיק די גאַס דאָ און אָטעמט מיט זנותיקע פלאַמען —
באַרוישט פון גערויש, פון געקלונג און געפײַף
פון גאַסקאָר וואָס מישט זיך, פאַרמישט זיך און גיסט זיך צוזאַמען

אַרײַן אינעם בלוטלויף — אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו, אָן צאַמען,
אַזוי ווי די גלוטיקע שקיעה, וואָס רײַבט
דעם פּרוכטבוים פון לעבן, צעצינדט אין אים ס'בלוט מיט די פלאַמען.

סד־הכל

אַ מענטש האָט פּלוצים, פאַר דער צײַט
געמאַכט דעם חשבון מיט דער וועלט.
זײַן אייגן לעבן צוגעשטעלט
צו דעם סך־הכל — בײַ דער זײַט.

און ווײ! עס האָט נאָך אַלץ געפעלט,
ס׳האָט אַלץ נאָך נישט געשטימט, ווי ס׳דאַרף
דער חשבון זײַן — כאָטש נעם און וואַרף
נאָך צו אויף וואָגשאָל, אָנשטאָט געלט —

אַחוצדעם לייב און לעבן — אויך
נשמה, עולם־הבא, אַלץ...
און דעמאָלט ערשט וועט בלײַבן — רויך,

וואָס וועט זיך פלעכטן ווי אַ שטריק
און זיך פאַרוויקלען אַרום האַלדז —
דער סוף פון חלום וועגן גליק.

II

מ ע נ ט ש !

ס'האָט קיינער נישט דעם טויט באַווײנט,
קײַן קינד האָט נישט געלאָזט קײַן טרער.
געוויינט, געיאָמערט האָט בלויז דער,
וואָס טראָגט די שולד אין האַרץ פאַרשטיינט.

ס'האָט קיינער נישט קײַן וואָרט גערעדט.
דעם שטומען בליק געווענדט צום מת,
וואָס האָט אין טויט געזען אַ נס,
אַן אויסלייזונג, אַ רעטונגברעט.

די רויטע רויזן שרײַען רויט,
די ווײַסע שווײַגן — טויט איז — טויט.
באַדויער, טרויער, שרײַ און קלאָג!

און טויטן־פּסוקים עמעץ זאָגט...
אַ לעבן ליגט פאַרקאַסטנט שטום...
וואָס האָסטו, מענטש, מיט זיך געטון?

III

אַ לויב דער ערד

אַ צענדליק קאַטשן יאָגט געשפּאַנט
אין מיטן העלן טאָג אין גאַס,
אַ ווימט געיעג — אויף בייזן שפּאַס —
נאָך שוואַרצן טויט־קאַראַוואַן.

און ס׳לויפט דער טויט גאַס־אויס, גאַס־אײַן
און פירט מיט זיך אַ סוד פאַרמאַכט:
אַ מענטש וואָס האָט זיך אומגעבראַכט
אויף אויסצולייזן זיך פון פּײַן.

און ס׳וואַרפט דער טאָג אַרײַן זײַן שײַן
אין שוואַרצן שפּיגל פון דער נאַכט,
ווי ס׳וואַרפט דער טויט דעם מענטש אַרײַן

אין גרוב, און אויס געיעג, אויס פּײַן.
די ערד איז גוט, אַ לויב איר מאַכט —
נעמט יעדן גלײַך אין זיך אַרײַן.

אויטאָ־קאַטאַסטראָפע

גלייַך ווי אַ פאַרסמטע מויז — זאָל גאָט דערפאַר נישט שטראָפן —
לויפט פאַריסן אום אין גאַס דער שוואַרצער טויטנוואָגן,
מיט זייַן זעלבסטזיכערן יאָגן אָט ווי ער וואָלט זאָגן:
כ'לאַך זיך אויס פון אַלץ, אַפילו פון אַ קאַטאַסטראָפע.

ס'וואָרט געזאָגט און — גלייַך געטראָפן: אויף זייַן ערן־פּאָסטן
איז דער טויט אַליין געפאַלן. מיט זייַן טויטנוואָגן
נאָך אַ מת געיאָגט זיך... פּלוצים אויף אַ ראָג אים
האָט באַגעגנט מיט אַ טראַסק — אַ מיסטוואָגן אַ פּראָסטער.

מלא־שמחה קוקט די גאַס און עפּעס אויך דערשראָקן:
ווי אַ גזלן פלעגט ער קומען... כאַפּן — און געלאָפן...
איצט צעשמעטערט ליגט ער... ווער זשע וועט די מתים טראָגן?

בעסער אָן אים, וועט מען שטאַרבן ווייניקער זיך יאָגן.
אומגעריכט, צום שטוינען — זע! — צעגלאַנצט און שוואַרץ און אָפן
מאַיעסטעטיש קומט פון ווייַט — אַ נייַער טויטנוואָגן.

דער יונגער בעז

דער יונגער בעז פארשמעקט רעמעדיאָס עסקאַלאַדע *
אין בלאָען ראַשצעבליטן פרילינג וואָס דערוואַכט...
נאָר אין מיַין האַרץ פאַרוואָגלטן איז אַלץ נאָך נאַכט,
און ס'שמעקט מיט האַרבסט און וועלקונג אַלץ אין מיַין באַלאַדע.

מיט תאווה שלאָגט פון מיידן דאָ — צעפאַרעט נאָך אַ מאַטע * *
נישט איינער וועט זיַין גרייט צו גיין פאַר זיי אין שלאַכט.
איך פיל ווי ס'וואָלט די גאַנצע גאַס פון מיר געלאַכט,
און זיי, דאָס ווילדוואַלדשיינע מיידנוואַרג — אוודאי.

וואָס האָב איך — נאַר — דאָ זיך אין מיטן גאַס פאַרטראַכט?
מיר דאַכט, איך גיי דאָ אויף רעמעדיאָס עסקאַלאַדע
נאָך מיַין לוויה נאָך, נישט קעגן נאַכט געדראַכט,

און נישט געזען ווי ס'בליט דער בעז דאָ ביזן דאַך,
און מיידן קוקן אויס מיַין ליבעבליק איצט גראַדע...
ס'איז האַרבסט אין מיַין באַלאַדע, און אין האַרץ מיַינס — נאַכט.

* גאַס אין בוענאָס־איַירעס

** מין געטראַנק אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער

שפּיטאָלגראָז

דאָס יונגע פרישע גראָזיקע געוועב
ליגט האָפנונגלאָז געפאַנגען אין שפּיטאָלהויף.
דאָך יעדעס גרעזל פרייט זיך וואָס עס לעבט,
און וואַרט ס'זאָל עס אַ מאָלער טון אַ מאָל־אויף,

און אויסלייזן פון שטיינערנע פיר ווענט —
אַריבערטראָגן לעבעדיק אויף לייַוונט.
דאָס גראָזוואַרג חלומט, ציט זיך, גאַרט און בענקט
צו ווערן נאָך באַוווּנדערט דורך אַ מבין.

נאָר ווער האָט עס אַזאַ מין לייַכט געמיט?
מיט פּייַן און לייד דאָ זענען פול די הערצער,
און ס'האַלט ס'שפּיטאָלבעט צו זיך צוגעשמידט.

דאָך גראָזן ווערן נישט פון וואַרטן מיד,
ביז ס'קומט אַמאָל אַ דיכטער דאָ אַהערצו,
און דאָס שפּיטאָלגראָז לעבט אויף אין זייַן ליד.

אַווענידע גאַנאַ

געדיכט באַביימערט ליגט געשטרעקט גאַאַנע,
די סודותפולע פרומע אַוועניִדע.
די שקיעה בלוטיקט שטראָמענווייַז אין נידער.
דער קלויסטער אויפן ראָג — אַ בלייַכע נאָנע —

פאַרתּפילהט, אייַנגעוויגט אין אַווע־מאַריעס.
אין שווייַגן קיל פאַרשאָטנט שטייט ס׳שפּיטאָל דאָ,
די פענצטער מיט אַראָפּגעלאָזטע טאָלדעס 1),
מיט רייען קראַנקע פון דער גאַנצער באַריאָ 2).

דער טויטן־אַנשטאַלט שאַרט זיך צו דערלעבן,
און האַרט בשכנות — דאָס געשעפט מיט בלומען.
פאַרטראַכט די פאַלמעס אין שפּיטאָלהויף שטומען.

זיי זענען עדות דאָ פון בלי און לעבן,
און זעען נישט די טויט־קאַראַוואַנען,
וואָס גייען אין פאַרטאָגן אָפּ פון דאַנען.

---

1) פענצטערשטאָרן

2) שטאָטטייל, געגנט

אויף טאַבלאַדע*

אַ פרילינג אַ שיינער — נישטאָ וואָס צו רעדן!
די וועלט איז צעקנאָספּעט, צעגרינט און צעראָזט.
אויך דאָ צווישן קברים שלאָגט דורך זיך דאָס גראָז,
ווי לעבנסלוסט אונטערן טרויער ביי יעדן.

ס'איז אומהיימלעך שיין אויף טאַבלאַדע־בית־עולם.
עס שמעקט דאָ מיט ריח פון אָפענער ערד,
מיט סוד און מיט דעמבענעם שווייגן וואָס שווערט
און וועדט ווי דער אָרון אין טיפן פאַרהוילן.

דער טרויער גייט אום דאָ אין סטרויען פון פאַרקן.
עס שוועבן אויף קרוינען פון ביימער פאַרקלערט
געוויינטענער, זיפצן וואָס שטיקן און וואַרגן...

עס בייגן מצבות די שטיינערנע קאַרקן...
קוק, מענטש, זיך נישט אום, זאָלסט נישט זען ווי ס'ווערט
פון אַלעמדינג שאָטן — פון בוים ביזן פּאַרקאַן.

---

* יידישער בית־עולם הינטער בוענאָס־איירעס.

פֿאַרטאָג אויפֿן פֿאַרשטאָט

דער פֿאַרשטאָט פֿאַרהייבט זײַנע ברעמען
צום ליכטיקן בלוי איבער דעכער.
די מויערן־רייען — אַ פּעכער
באַמאָלן מיט קערערס, מיט קרעמערס,

מיט שלעפּערס, וואָס קריכן ווי שאָטנס
צוריק מיטן טאָג אין די לעכער.
עס דראַפּעט זיך ס׳טאָגליכט אַלץ העכער...
אַ ריח גייט־אויף פֿון געבראָטנס.

עס ציִען זיך רויכקנוילן טריבע
און מישן זיך אוים מיט די גרויע
פֿון וואָלקנס וואָס שפּאַנען פֿאַריבער.

עס רופֿן די קוימענס זיך איבער,
ווי גרוילעך־צעשויבערטע פֿרויען
אויף שוועלן פֿאַר זייערע שטיבער.

פּישפּאַנג

די פּישפּאַנגערס שטייען בײַם ברעג
און וואַרטן געדולדיק אויף פאַנג.
אַ פישל שווימט־צו אָן אַ קלאַנג —
אַט גיב עס אַ כאַפּ פאַרן עק!

די מעוועס פאַרלויפן דעם וועג:
צו זיי בלויז דער פישרויב באַלאַנגט!
זיי שאַרפן די שנעבעלעך לאַנג,
אַזש ס׳פישל — פאַרצאַפּלט פון שרעק —

אַ טויך גיט, אַ גיי ווי אַ זעג,
געבויגן — אין שטורעם אַ זאַנג,
און אַט איז דאָס פישל אין צוואַנג —

אין פויגלשן שנאָבל פאַרשטעקט,
און ס׳פלאַטערט אין לופט אַ געצאַנק
פון ים־פייגל — שותפים צום פאַנג.

אַרגענטינער פּייסאַזש

זונפאַרגאַנג אין סטעפּ.
וואָלקנס, קי און פלאַמען.
ווײדלען, ריפן, קעפּ.
שטומע שאָטנס שפאַנען...

גרינע קוסטנקעפּ
טונקלען ביז די שטאַמען.
„ראַנטשאָס" * אויסגעקלעפּט
ווי פון שפינוועבס סאַמע.

שוואַרצע אינדיאָ־מאַמעס
אויף סקעלעטן ־ קעפּ
זיצן ווי אויף טרעפּ.

רונד דעם בליק פאַרצאַמען
בערג — אין נעפּלקרעפּ
שוויַיגיק, שטום פאַרוועבט.

---

* סטעפּשטיבלעך, פויערשע כאַטעס

ס׳איז גוט...

ס׳איז גוט אַז עמעץ וואַרט דיך אָפּ,
צי ס׳קומט דיך ווער געזעגענען.
די זון גייט־אויף, די שיף גייט־אָפּ,
און זע, וואָס בלויז אַ רגע קען! —

אַ יאָג־טון אין אַ ווינטגאַלאָפּ
דאָס בענקעניש פון טעג און נעכט
וואָס זענען לאַנג אַרויס פון קאָפּ;
חלומות וועג־ און שטעגענע, —

צעפּיקטע פון דער צײַט — דער ראָב
אין וואַלד פון נעכטנס שלענגענע, —
נישט קענטיק מער קיין שפּור, קיין טראָפּ, —

איצט שטייען אויף פון טויטאָקאָפּ,
זיי קומען דיך באַגעגענען
און נעמען דיך פון שיף אַראָפּ.

זונפאַרגאַנג

די זון ווי אין בראשית פאַרגייט
צעצונדן — אַ פײַערקויל רויט.
ווער ס׳שרעקט זיך נישט מער פאַרן טויט
זאָל קוקן צעפלאַקערטערהייט

ווי ס׳גיסט זיך דאָס בלוט אין דער ווײַט
צום הימלזוים טונקל פאַרבלויט
און הערן דער שקיעהס „יעמוד!"
די זון זאָל זיך גרייטן צום בײַט,

ס׳איז אַלץ צו דער שחיטה שוין גרייט:
דער חלף, די שפּענדלעך, דער קנויט,
דער מלאך אַפילו בײַם זײַט —

געני ווי אין חומש שטייט —
דעם האַלדז שטרעקט די זון אויס פאַרטרויט,
און ס׳פּאַסטעכל שפּילט אויף דער פלייט.



אינטימע סאָנעטן

שרעק זיך נישט

שרעק זיך נישט. פֿאַרטרײַב די שרעק.
נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן.
דער בייזער חלום וועט אַוועק,
דער גוטער — וועט דיך וועקן.

דעם יונגן מוט איך זיך אַנטפּלעק, —
ער קאָן ביז סוף־טעג קלעקן, —
אָט איצט ווען ס'וויל דער שוואַרצער פֿלעק
דײַן קלאָרע וועלט פֿאַרפֿלעקן.

דער טיש איז בלאַנק — אַ שנייענדעק
אין ווײַטן קאַלטן וויסטן העק
בײַם סוף פֿון אַלע ברעגן.

ביסט אײַנגעשלעפֿט. אָן ריר, באַוועג.
כאַלאַטן ווײַסע — שוועב נאָך שוועב
אויף ד ע ר זײַט פֿון די שרעקן.

דאָס קינד

אויף טויטנבאַנק אין טהרה־שטיבל ליגט
דאָס נײַ־געבוירן נפשל פאַרהילט
אין ווײַסן לײַוונט — נאָך נישט אָפּגעקילט —
דער קימפּעטאָרינס ערשט־פאַרלוירן גליק.

עס שלאָגט נאָך דורך די ראָזקייט דורך דער הויט,
ווי ס'גאַנצע גופל וואָלט אין היץ געברענט.
ס'וואָלט קיינער נישט, מײַן קינד, אין דיר דערקענט,
אַז דו געהערסט — נישט מיר, נישט דיר — דעם טויט.

די ווייכע ביינדלעך דײַנע איז באַשערט
די האַרטע, קאַלטע טויטבאַנק, נישט די וויג —
דעם שפּאַן זיך אומצוקערן צו דער ערד.

און אָנשטאָט אינעם וויגל — דאָ אַהער
מ'האָט דיך געבראַכט פאַרוויקלט, אײַנגעוויגט.
כ'פאַרדעק דיך קריק. אַ לעצטן בליק. אַ טרער.

די קינפּעטאָריז

בײַ אַלע בעטן שטייען וויגן
באַפּוצט מיט שלייפלעך — ראָזע, בלויע.
דיך האַלט מען נישט מיט אַלע פרויען,
דיר גיט מען נישט דײַן קינד פאַרוויגן.

די מאַמע רעדט צו זיך דורך טרערן:
— געוואַרט... געהאָפט... אַזאַ בזיון...
אין פענצטער נעמט אויף טאָג שוין גרויען,
פאַרלאָשן שוין דער לעצטער שטערן.

געוויין פון קינדער — נישט צום הערן!
אָט נעמט מען ס'קליינוואַרג איבערלייגן,
די פּיסקלעך רײַסן זיך צום זייגן.

און דײַנס, דײַן בלוט און פלייש — דײַן אייגנס,
ס'ליגט שטיל און גרייט — איך רו און שווײַגן —
דער קבר־ערד באַלד צו געהערן.

סטאַטוע פון טריסט

דאָס קינד אויף דער שויס ביַי דער מאַמען —
אין גאַנצן די מאַמע אַלס קינד.
די ציַיט האָט פאַרביטן געשווינד
דאָס פּנים פון קינד מיט דער מאַמענס.

אַ בליצלויף פון יאָרן, אָן צאַמען,
אויף הינטער, צוריק, ביז צום קינד.
אָט יאָגן זיי פאָרויס אויף בלינד
און גרייכן ס׳געשטאַלט פון דער מאַמען.

און די לויפסט מיט ביידן צוזאַמען
פאַרכישופט פון ציַיטלויף אין קריַיז —
אַ יינגל פאַרשטעלט אין אַ גריַיז.

פאַרייניקט, פאַרבייניקט זיך רײַסט
אין הייך די סטאַטוע פון טריסט —
דער דריַילינג: דאָס קינד, טאַטע־מאַמע.



גראַף טאָלסטוי

װער קאָן װיסן װאָס דעם אַלטן האָט געטריבן
צו פֿאַרלאָזן היים און גיטער, װײַב און קינדער?
צי נזירות פֿראַװען װו, צי װי אַ זינדער
גייט אַװעק מיט סוד פֿון זינד אויף שטומע ליפּן.

טונקל ברויזן בלוטן אונטער הויטן זיבן.
ביסטו, גראַף, אַנטלאָפֿן װי אַ אונטערצינדער,
אָדער װי אַ פּחדן סתם, צי װי אַ בלינדער
אין פֿאַרצװײפֿלונג פֿאַלט צום טיש צו מיט אַ קליפּען?

ס׳ליגט דײַן גרויסקייט נישט אין אָפּזאָג פֿון געניסן.
נישט דער לאַפּטשעס־רעקװיזיט קאָן מער דערהייבן.
אײנזאַם איז מען כאָטש פֿון היים נישט אָפּגעריסן.

סײַ װי װעלן דײַנע טאָלסטויאַנער װיסן:
אייביק װעט דײַן גײַסט דורך זיי נאָר לעבן בלײַבן,
מעג דײַן אָפּשייד זײַן אַ שפּיצל פֿון געװיסן.

אַדאָם מיצקיעוויטש

דער מייסטער האָט נישט וועלן צו רוען ווי ס'באַדאַרף זײַן,
ער טראָגט זיך מיט זײַן חלום אום צעשטרייט, צעפּאַטלט.
נאָך אַלץ ביי פרעמדע שררות איז ער זיך משתּדל,
כאָטש נעם, נישט אַנדערש, אויף די פּאָליצעס פּאַרוואַרף זיי,

די לעגיאָנערן, זײַנע שלאַכטלײַט... ווער באַדאַרף זיי?
ער זעט, מיצקיעוויטש, ס'לאַנד — צעטראָטן, הינטער קראַטן,
נאָך זענען די מאָסקאַלן אַלץ די באַלעבאַטים,
און אין די נעכט ער שלייפט די שווערד אַז זי זאָל שאַרף זײַן.

ס'איז נישט אַצינד די צײַט אַז ס'זאָל די שווערד אַ האַרף זײַן,
ער שטייט בײַם שלײַפשטיין, שאַרפט, אָן רעקל, אָן קראַוואַטל,
און בײַ זײַן זײַט וואַקסט־אויס — אין ייִדישן כאַלאַט —

יאַנקל צימבאַליסט: — אויך מיך זאָלסטו מצרף זײַן...
דעם שונא וועמיר מאַכן בטל ומבטל... — — —
מיצקיעוויטש פּיבערט, גליט, און ס'פּאַלט זײַן קאָפּ צעפּאַטלט.

זשאַן אַרטור רעמבאָ

דאָס הפקר־יִינגל בלאָנדזשעט אום אויף רי־בלאָנדעל 1) —
אַ פרינץ פאַרשטעלט אין קליידער פון אַ וואַגאַבונד.
ער זוכט אין אָפּגרונט היילונג פאַר זײַן ליבעווּנד
און פאַלט אין אָרעמס פון דער גאַסן־מאַדמואַזעל.

אַפּאַשן זיצן דאָ אין געסל — גרין און געל,
די שאַלן אויפן האַלדז פאַרוואָרפן פאַרביק בונט.
דער רויטער ווײַן איבערן מויל ווי סלינע רונט,
זיי וואַרפן — קאָרט נאָך קאָרט — טויז רויט און אייכל, שעל.

ווי אָפּגענאַרט, פאַרשעמט דער יִינג גייט פון בורדעל.
באַגלייט פון חוזק־בליקן ווי קינדזשאַלן קרום
ער אײַלט אַוועק צום ליכט, אַרויף, צו סאַן מישעל 2).

ער קומט — אַ מאָנסטערקינד — צעכראַסטעט אויף דער שוועל
פון זײַן מאַנסאַרדע (3)־נאָרע עלנט ווי אַ הונט
און הערט ווי אונטן לאַכט פאַריז באַרוישט, צעהעלט.

---

1) אַ זײַטנגעסל אין פאַריז
2) בולוואַר סאַן מישעל אין לאַטייניש קוואַרטאַל
3) בוידעמשטיבל

II

פּ אַ ר נ אַ ס

ער קוקט זיך צו, רעמבאָ, צום ווימל פון פּאַרנאַס,
צום האַנדל־וואַנדל־קאָך ווי אויף אַ שאָפּיאַריד.
אַ פרעמדער גייט ער דאָ אַרום ווי חניפה בליט,
ווי ס'הערשט דאָס פאַלשע וואָרט, די פויסט, די הינטערגאַס.

פון זייַנע אויגן ס'בלאָ — ווי שאַרף פון שטאָל — דער האַס,
די פיס אין זומפּ, דער קאָפּ אים גרייכט אַזש אין זעניט.
וואָס גייט אים אָן דער לץ, דער פּאַיאַץ־פּאַראַזיט,
וואָס פירט אום פאַר דער נאָז, מיכלומרשט ווי אין שפּאַס —

פאַרגלייבטקייט פון אַ פאָלק און לאַכט פון אַלץ ווי ס'פּאַסט
פאַר אָט אַזעלכן וואָס ס'געוויסן אומריין ליגט
פאַרזונקען טיף אויף דנאָ פון שוואַרצן טינט אַ פּאַס.

פאַראַכטפול קערט זיך אָפּ רעמבאָ מיט אַ טראָמאַסק
אין טיר — פאַרשימפּט, פאַרלאָזט... נאָר ס'בלייַבן זייַנע טריט
פאַרקריצט אויף אייביק דאָ — צום רום פון דעם פּאַרנאַס.

יוליאַן טוּווים

דער שלאַנקער, גראָער אַדלמאַן
באַטרעט די געטאָערד — זײַן היים.
מיט ציטער זעט ער — בלוט אין ליים,
און רויטער ווערט אויף באַק זײַן פלאַם.

באַזונגען ר'האָט אַ לעבנלאַנג
דאָס פּוילן זײַנס, די ערד, דעם שטיין.
דער פּאָלאַק האָט זײַן פּײַן געמיין
פאַרלאַכט, פאַרשפּיגן זײַן געזאַנג.

פאַר וועמען גרינט די ווײַסל הײַנט?
פּאָלאַקן, קינס — כאַם און פּאַן —
דעם זינגערס פּאָלק האָט איר פאַרשטיינט.

זײַן ליד פאַרבלײַבט אין הענט פון פײַנט.
און יוליאַן טוּווים ווו באַלאַנגט?
צום שטאַם קערט־אום בלויז זײַן געביין.

דזשאַמבול 1)

ווי שטיפערלעך שפּרינגען די פינגער אַרום
פלינק אויף דער דאָמברע 2) בײַם אַלטן דזשאַמבול.
זיי צימבלען און האָפּסלען און טענצלען ווי דול:
צומבאַ דע בומבאַ דע צומבאַ דע בום!...

דאָס בערדל צום טאַקט לויפט — דאָ גראָד און דאָ קרום.
גאָרגלדיק רײַסט זיך ס'געזאַנג פון זײַן האַלדז —
אַ רעווען פון קעמלען, געוווי פון שאַקאַל...
צומבאַ דע בומבאַ דע צומבאַ דע בום!...

עס שטײַגן די טענער — אַ לייב אין געברום —
ווילד און צעשויבערט, מיט צאָרן, מיט גאַל:
צומבאַ דע בומבאַ דע צומבאַ דע בום!...

און פלוצים נעמט כאָרכלען אַ סטרון נאָך אַ סטרון,
אַנגסטיק דזשאַמבול צו דער ערד טוט אַ פאַל
און ס'פאַלט מיט די דאָמברע... דע־צום־באַ... בום...

---

1) קאַזאַכישער אַקין — פאָלקסזינגער - אימפּראָוויזאַטאָר, געשטאָרבן צו די 100 יאָר, אין 1945, אין אַלמאַ־אַטאַ, הויפּטשטאָט פון קאַזאַכסטאַן.

2) פּרימיטיווער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, ענלעך צו אַ מאַנדאָלין, נאָר אַ סך קלענער.

II

זיין געשטאַלט

די טירן פון דער אָפענע צעשפאַרט, צעפראַלט.
געדעמפטער שײַן געהילט אין טרויער, שוואַרצן קרעפ.
קאַזאַכן פון אַולן * שפאַנען מיט די טרעפ
אַרויפצו צו דער בינע׳ מיטן קאַטאַפאַלק.

דאָס זיידעלע אין קעסטל ליגט געשרומפן, אַלט.
דאָס ווײַסע בערדל שטאַר געשטרעקט ווי צוגעקלעפט.
די בעקלעך ראָזלען זיך, די ליפן רויט. ער לעבט.
אָט שטייט ער אויף, דזשאַמבול און נעמט די דאָמברע באַלד,

און ס׳געבן זיך די טענער אַ צעלויף אין וואַלד
פון סאַקסאַול־ביימער, אינעם וויסטן סטעפ,
און ס׳טראָגט זיך שוין ס׳געזאַנג אין בערג — אַ וואַסערפאַל...

די דאָמברע ליגט אויף רויטן טוך פאַרשטומט און קאַלט.
קיין שאָרך ניט פון קיין קלאַנג, קיין טאָנוויבריר. דאָ שוועבט
אין צער די בענקשאַפט אום פון סטעפ נאָך זײַן געשטאַלט.

---

* דערפער



פּאָעטן - מאַרטירער

I

פּאָעטן־מאַרטירער

ביַים קיַילעפּיקן מאַרמאָרנעם מאַרטירער־טיש —
זעקס יידישע פּאָעטן זיצן שטום פֿאַרטראַכט;
פֿון קבֿרים אומבאַקאַנט מ׳האָט זיי אַהערגעבראַכט
אויף דעם פּאַרנאַס. פֿאַרנעפּלט יעדער פֿאַר זיך מישט

די בלעטער פֿון זכרון — אַלץ וואָס יאָ, וואָס נישט
געטון אויף עולם־שקר אינעם שווינדלראָד;
אַן אויג האָט שטרענג באַוואַכט דאָרט יעדן ווינטלטראָט.
דער לעבנסגאַנג פֿון מענטש — אַ גיין געשפּאַנט אויף שטריק.

עס טרעפֿט, אין סאַמע שאַל פֿון אינטערנאַציאָנאַל
טוט עמעץ זיך אין גיין אַ וואַקל און אַ פֿאַל
אַראָפּ אין טיף פֿון תהום — פֿאַרשעמט, צעמישט, פֿאַראַכט. —

זינגט העכער באַלד דער כאָר ווי נאָך אַ זיג אין שלאַכט,
די טיַיוולשע מוזיק העלפֿט־צו מיט טראַסק און קנאַל,
און ווידער שפּאַנט געשפּאַנט אַ גייער צום פֿאַרפֿאַל.

II

אויף דער אַלטער קייט

וועער זענען עס די זעקס פּאָעטן־קעמפּער, ווילט
איר וויסן דאָך אַוודאי — לויט ווי איך פאַרשטיי —
און חוץ לזה איז סתם, און מער ווי סתם, כדאַי
די נעמען זייערע דערמאָנען, ווײַל עס גילט

ביז הײַנט דאָס וואָרט: אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט,
און זייער וואָרט — געשמידט אין ליד — האָט אויך געשפּילט
אַ ראָל — צום רום און רים פון שפּיז און האַק, געגילדט
מיט פאַלשן גאָלד, צו האַלטן אויף דער אַלטער קייט

ווי מ'האַלט אַ הונט — אי פאָלק, אי נביא וואָס באַגלייט
דאָס פאָלק אין שטריקגאַנג אויף צוריקגאַנג, לויטן בילד
פון די בורלאַקעס אויף דער וואָלגע אין דער צײַט

פון צאַרנהערשאַפט, טוכלער, אין פאַרגאַנגענהייט.
די האַ[illegible]־זינגערס האָבן מיטגעמאַכט די שפּיל
אין שאָטן פון דער שרעק וואָס כמט די רו, די פרייד.

III

אײזשפּאָן

די אײדעלע, די ייִדישע פּאָעטן גראָד
פֿאַרשלײַערט מ׳האָט אין שפּאַן פֿון סערפּ־און האַמער־ליד.
נישט זײער שולד וואָס זײער ליד האָט ווען געבליט
ווי קראָפּיווע וואָס וואַקסט אין פֿעלד אויף גאָטס באַראָט.

גאַנץ אָפֿט איז זײ געווען אויף זיך אַלײן אַ שאָד,
נישט אײנמאָל אין אַלײנקײט האָט אַ טרער געבריט
אין אויג — פֿון חרפּה פֿאַרן וואָרט וואָס האָט געקניט
אין לויבליד פֿאַרן תּליון פּונקט ווי פֿאַר אַ גאָט.

האָט ווער געפּלעגט פֿאַרקריכן אין זיך — ווי אַ קראָט
אין טיפֿעניש פֿון דרערד; זײַן וואָרט אַלײן פֿאַרשמידט
אין שטומשווײַג־קײטן ווי אַ שטראָף פֿאַר פֿאַלשן טראָט.

מ׳האָט שפּעטער אים זײַן טראָט דערפֿאַר געברענט־געבראָט.
אין שרעק האָט עמעץ זיך אַמאָל אַלײן פֿאַרשיקט...
אַוועק אין גלות — ווײַט פֿון היים, פֿון פֿרײַנד, פֿון שטאָט.

IV

בראַדיאַגעס

אַ קוק צו טון אויף די מאַרטירער כאַפּט אַ גרויל.
אַ ציניקער וואָלט גאָר געלאַכט, ווי קאָמיש ס'זעט
אוים ס'בילד פון די „בעזפּאַסטפּאָרטנע 1) בראָדיאַגעס" זעקס
מיט קרוין אויף קאָפּ; און ווען זיי קומען־אויף פון טרוים,

און שלינגען־אויף דעם שלאָף, וואָס הענגט נאָך אַלץ אויף מויל,
און טענהס נעמען פאַלן ווי די שטיינער, — ווערט
אַ זײַטיקער, אַ פרעמדער מיינען, אַז ער זעט
אַ באַנדע שלעפּערס, אָפּשרעקטיפן — באָרוועס, הויל.

איי, וואָס זשע טראָגן זיי אויף קאָפּ די דערנערקרוין
פון דיכטער און מאַרטירער? — פרעגט נישט בעסער, עט,
קוקט גיכער אויף די קברות־קליידער האַלבצעפוילט...

ס'טראָגט ווער אַ משוגעים־העמדל — ענג און נעט.
איר קענט אים נישט? — דערקענט אים! — משה קולבאַק, אוי!
באַגראָבן, כ'בעט אײַך איבער, הינטער אַ קלאָזעט.

1) פּאַספּאָרטלאָזע

V

דער פּחד

מיט צער דערציילט מען זיך ביים מאַרמאָרטיש בסוד:
דער שווידער קומט דאָרט אָפּט צו גאַסט אין נעכט אָן שלאָף.
ווער ס'גייט אַראָפּ פון זין, ווער ס'זעט דעריין גאָטס־שטראָף.
דער פּחד האַלט דאָס לאַנד פאַרצוימט ווי שטעכלדראָט.

אָט קוקט זיך צו צו דעם מיט שוואַרצער באָרד, ער האָט
זיך נישט געריכט וואָס אים דערוואַרט — אַ מאָדנער סוף:
געפאַלן פון אַ קויל אין נאַקן אין געלאָף
ביים אָפּשטיין פון עטאַפּ... דער הרוג אַקסעלראָד.

און יענער לעבן אים, באַברילט, זיין לאַנדסמאַן גראָד,
ער פּאָכעט נאָך מיט זיין פּאַרטיי־בילעט... ער האָפּט
מ'זאָל ריינוואַשן פון חשד אים, אַז געפירט אין באָד

האָט ער די ראַטנמאַכט... און פרעך האָט אים געדראָט
זיך מודה זיין ס'נאַגאַנען־הענטל... סוף־כל־סוף —
וועט איזי פאַריק אָבער בלייבן נישט אויף שפּאָט.

VI

דער צעטראטענער

אוי, ווער וועט גלייבן אויפן זקן — קוקט אים אָן —
אין לאַגער־טראַנטעס, איַינגעהויקערט — הויט און ביין,
אין טרעפעס אויף די פיס, צעיאַטערט — דאָס זאָל זיַין
דער שטאָלצער איציק פעפער?!... — ס'איז זיַין ליד אַ פאָן

געווען אין קאַמף... דעם זיג — די ערשטע זאָגט זי אָן...
געוועקט געטריַישאַפט פון אַ ווערעמל... אַליין
געטריַי געדינט אָקטאָבער מיט זיַין גאַנץ געביין,
מיט פען ווי מיט אַ שווערד — געפעכט... עס שטייט אין קאַן —

דאָס פאָטערלאַנד, די רעוואָלוציע, גאַנץ ראַסיי:
— זאָל בלוטיקן די האַק!... און: — נידער מיטן טראָן!...
און שפעטער: — קעגן דיַיטש אין פיַיער וועמיר גיין!...

פאַרנומען נישט אומזיסט האָט ער דעם אויבן אָן...
און איצט — פאַרלוירן האָט זיַין וואָרט דעם מינדסטן שיַין,
און ער אַליין — צעטראָטן ווי די רויטע פאָן.

VII

פרינץ פון גארקי־גאס

אַ שלאַנקער פרינץ פון גאָרקי־גאַס, דו האָסט
פאַרכישופט מאָסקווע מיט דײַן טראָט, מיט ליד און לויב,
געווען ביסט, פרץ מאַרקיש, ווי פאַרבלענדט, פאַרגלויבט
אין ראַשן בוי, אין דניעפּראָסטרוי, אין קרעמל־שלאָס.

האָסט נישט געזען, ווי מ'האָט דאָס פאָלק אַנטווײנט, באַרויבט
פון שענסטן טרוים — צו לעבן פרײַ, אָן צער, * אָן קלעפּ;
געמאַכט פון פאָלק אַ שמאַטע... זײַנע פּני — געקעפּט...
און דו האָסט אַליין געזונגען: — וויוואַט! אָ, איך הויב

דעם כוס... ער איז שוין פול געווען מיט בלוט, דער כוס,
פּאָעט־עסטעט, פאַרהויב דאָס פּנים דײַנס, פאַרהויב!...
פאַריכטסט זיך פון געוויינהייט ס'שניפּסל אויסגעטעפּט.

וואָס זע איך, מאַרקיש! וויינסט?... אַ טרער אין אויג צעגלאָזט...
דערמאָנט זיך האַ, די גאָרקי־גאַס... די מאַרמאָרטרעפּ...
אין בלוט אויף שניי... אין מאָסקווער גאַסן — שטום און טויב...

---

* קייטן

VIII

אין יענער שטורעמנאַכט

ווען ס'איז צו האָפשטיינען אַריַין אין יענער נאַכט,
אַ רעגן האָט די מאָסקווער גאַסן ראַש געשווענקט.
מ'האָט אים געטראָפן זיצן אין זיַין שטיבל ענג
אין שווערן שלאָפראָק ביַי אַן אָפענעם תנך.

דער ליריקער מיט טרייסטיקער נביאים־שפּראַך
פאַרהויבן האָט זיַין בליק: — אַ טעות... כ'מיין... מסתּמא...
כ'בין דוויד האָפשטיין... זעט... אַן אָרדנטרעגער... כ'שטאַם...
— דוראַק טי! גיע באַלטאַי!, פּאַשלי 1) און ס'שטומט די נאַכט...

אַריַין אין צוג פון דער פּראָצעסיע שטאָלץ און וואַך
מיט: — „לאָמיר גיין!... די שוואַכע לאָזן...” — קוים געדענקט.
דער שטורעם האָט געבראָכן ביימער ביזן שטאַם.

פאַרטונקלט איז געבליבן זיַין זכרון דאַן,
אויף אַלע תליות זעט ער זיך נאָר ווי ער הענגט,
און חזרט ווערטער סתם: — ס'אַ טעות... וואַגנער... באַך...

---

1) דו שוטה איינער, פלאַפּל נישט, געגאַנגען.

IX

דער זיבעטער פּאָעט

זאָל ווערן דאָ באַקאַנט דער אויסטערלישער פֿאַל.
געווען אַ זיבעטער — אַ זינגקוואַל — לייב קוויטקאָ
(דעם קינד געהערט זײַן ליד), אויך ער איז מער נישטאָ.
נאָך הײַנט דערמאָנט אַ קינד געהיים זײַן ליד פֿון שטאַל *.

מיט אַלעמען אַוועק אין שנייענסטעפּ־פאַרפאַל.
אויך זײַנע טריט צעבלוטע הינטער שנייפאַרשאָט
געבליבן זענען, און ווי זײַנע טריט — ער האָט
געוואָלט: זײַן נאָמען זאָל פֿאַרבלײַבן — ווײַט און קאַלט

און אַנאָנים — פֿאַרשיקט אין ווײַטן צפֿון־פֿאָל
צוזאַמען מיטן אויפֿשפּראָץ — יונגן דיכטער־דור,
וואָס האָט פֿאַרפֿרי באַוויזן ווערן רייף און אַלט

פֿון אַנגסט און פּײַן, נאָר נישט באַקאַנט דורך לידיש וואָרט,
ס'פֿאַרשטיקטע אין דער קעל איינינעם מיטן קול
אין העק, אויף דער פֿאַרשיקונג, אין סיבירער וואַלד.

---

* קוויטקאָס קינדערליד: „אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפֿן אויף פֿון שטאָל די טיר"...

X

אין אייביקן נעגיי

ווער ס׳קאָן פאַרשטיין די שפּראַך, דאָס האַרבסטגעוויי פון ווינט
אין פּוסטן פעלד, דעם עלנט און דעם ווינד און וויי
פון גראָזן דורכגעקעמטע פונעם ווינטגעוויי, —
דער וועט פאַרשטיין דעם צער פון די וואָס שפּאַנען בלינד...

די זעלבע טויזנטער, וואָס האָבן, דאַכט, אַצינד
„אין לאַפּטשעס און אין טרעפּעס" 1) אינעם שנייזאַווי
„נאָך לענינען דעם וועג צעטראָטן" 2), — אָט־אָ זיי
פאַרפולן אַלע וועגן נאָך סיביר, און הינט —

פּירפּיסיקע, צווייפּיסיקע — באַוואַכן ריי
נאָך ריי — דעם יאָמערלעכן אייביקן געגיי
אין טײַגעס און אין טונדרעס אינעם ענדלאָזן פאַרשווינד.

חברים, שרײַבערס ייִדישע, איך זע, ווי ס׳צינדט
זיך אײַער טראָט און בלוטיקט רויט צעגליט אין שניי,
אָט זעט, איך גיי מיט אײַך אין ריי און כ׳גיי און גיי... —

1) ווערטער פון דעמיאַן ביעדניס ליד נאָכן טויט פון לענינען
2) פון זעלבן ליד



דעמב נאָך דעמב

אַ זעלנער איז געפֿאַלן

נאָך שמואל גוטס

ס'ווערט קיין זאַך נישט פֿאַרפֿאַלן,
ס'קערט אַלץ זיך אום צום אַלטן.
די שטראַלן רום באַשטראַלן
דעם גײַסט דעם העל צעשטראַלטן.

דאָס בלאָ פֿון די אַסטראַלן
קאָן פֿינצטערנישן שפּאַלטן.
נאָר פֿונעם שטערן ס'פֿאַלן
קאָן קיינער נישט פֿאַרהאַלטן.

ווער וואָלט געקאָנט אָפּהאַלטן
דעם שניט פֿון שאַרף פֿון קאַלטן,
דעם שריט דעם בלינד־פֿאַטאַלן?

און שטיל, אָן רעש, געהאַלטן
(ווער קאָן די טרער פֿאַרהאַלטן?) —
אַ זעלנער איז געפֿאַלן.

טרערן

נאָך ש. קאַטשערגינסקי*

טרוקן איז דער קוואַל פון טרערן.
אַנשטאָט חלב־ליכט צוקאַפּנס,
אַנשטאָט הייסער טריף פון טראָפּנס —
קאַלטע שײַן פון הוילע רערן.

שלאָף דײַן שלאָף דעם טיפן, שווערן.
ס'פרירן שטומע גליווער־טראָפּנס
אויף די רערן בײַם צוקאָפּנס,
שפּעטער וועלן קומען טרערן.

ס'היפּען, שפּרינגען אום די ראָבן,
ווי בײַם לעבן — בײַם באַגראָבן...
וואָס זשע אַרט דיך וואָס זיי קלערן?...

קוק אויף די, וואָס וויינען, קלאָגן,
פונעם אומגליק שווער דערשלאָגן,
כאָטש מע דאַרף די רו נישט שטערן.

---

* געשריבן אין טאָג פון שמערקעס קבורה

יוסף אָפּאַטאָשו

כ'האָב שטענדיק אים געזעען אין געדאַנק
אַ שטאָלצן און אַ וואָרצלדיקן ריז,
אין מאָך פאַרוואָקסן טיף מיט ביידע פיס,
דער מאַנטל זײַנער שטייניק — ברייט און לאַנג.

אַן אייביקער פרימאָרגן אין געזאַנג
פון פייגל אויף די ביימער אים באַגריסט.
צופוסנס בלויט אַ זילבערטײַכל, פליסט
פון ערגעץ ווו צו ערגעץ ווײַט און באַנג.

און שטיינערדיק מאַסיוו ער גרייכט, דערלאַנגט
מיט קאָפּ פון בראָנדז צו הימלען העל צעבליצט,
און וואָלקנס איבער אים און שטערנגאַנג.

געוויטערס צי'עדאָן און שטורעמקלאַנג,
און ער — געשטרעקט, אַנטקעגן צײַט געשיצט —
אַ טייל פון יענעם אייביקן געזאַנג.

דעמב נאָך דעמב

וואָך צביונען

דעמב נאָך דעמב טוט אַ פאַל אינעם וואַלד,
לייגט דעם קאָפּ, לייגט די קרוין צו דער ערד.
ס'שנײַדט די צײַט, רײַסט אַרויס, ווי באַשערט:
שאָטנשטיל, צי מיט הילך, זונבאַשטראַלט.

זע, אַלץ מער שיטער ווערט אונדזער וואַלד.
שטאַר אין פּײַן, שטום אין צער ווידער ווערט
דער אַרום, דאָס געביים וואָס דערהערט
טריט אין וואַלד... און אָט באַלד נאָך ווער פאַלט...

ס'שפּאַנט די צײַט... בוים נאָך בוים שטייט פאַרקלערט,
הילפלאָז גראָ, קרעפּטיק פעסט, ווי די ערד:
— ס'איז דער וואַלד מער קיין וואַלד שוין נישט באַלד.

שקיעה־רויט פלאַמט די זון און באַשטראַלט
פון דער קרוין ביזן שטאַם בײַ דער ערד
אונדזער מעכטיקן דעמבענעם וואַלד.

ס׳איז אַוועק אַ שעפער

נאָך א. ל. שוסהיים

ג׳האָב זאַטע פרייד געטראָפן דאָ בשפע,
און זיכערקייט פון מענטשן אײַנגעזעסענע.
דערפרישט מיך האָבן ווערטער לאַנגפאַרגעסענע
און מונטערגאַנג פון גלייבנדיקע שעפער.

דער סדר־עולם האָט שוין אַזאַ טבע —
דערקוטשען אונדז מיט ביטערניש דערעסענער,
דאָס לעבן אונדזערס, ס׳קורצע, דאָס מעת־לעתענע
געגאַרן ווי אין מאַרק דער בלינדער טרעפער...

און ווי אַ וואָרענונג ווילט זיך טון אַ רעווע,
ווי אינעם וואַלד די חיה די פאַרווונדעטע,
ס׳זאָל כאָטש די אַנדערע די פײַל נישט טרעפן.

נאָר שטום מען שטייט אויף ס׳נײַ בײַם פרישן קבר
פאַרצערטע, אומבאַהאָלפענע, פאַרווונדערטע:
— און ווידער איז אַוועק פון אונדז אַ שעפער.

---

* אָנגעשריבן אין דער נאַכט פון שוסהיימס טויט, פון זונטיק אויף מאָנטיק דעם 14טן פעברואַר 1955.

די פּאַלמעס באַגריסן דײַן קומען

נאָך רפאל מאַנדעלצווײַג

די פּאַלמעס באַגריסן דײַן קומען,
צעגרינטע צעווייגן די קעפּ
אַלץ העכער און העכער, ווי טרעפּ...
זיי פרייען זיך, רוישן און זשומען:

— אַ וואָרע! אַ מענטש איז געקומען
צו אונדז פון מידבריות, פון סטעפּ,
פון הונגער און שלאַכטן... פון קלעפּ
געפּאַלענע אין דער מהומה

אויף הענט און אויף פיס און אויף קעפּ,
אויף רוקן געבויגענעם, קרומען
פון פּליטים־דור — מוטלאָז, דערשעפּט.

מיט לשון מיט שטומס, אַפּגענומענס
צום ברעג זיך דערשלאָגן, דערשלעפּט...
אַ לויכט־געטון העל — און אַנטקומען.

II

דער מאָלער

דער פּענדזל, פאַרב, פּאַלעטע — ווי געווען,
דער מאָלער פּעלט, ווי ער וואָלט אין געאײַל
געכאַפּט דאָס רעקל און אַרויס אַ ווײַל...
אַט קומט ער קריק צום מאָלברעט, שאַפּט מיט ברען,

באַפרײַט, לעבט־אויף און רײַסט אַרויס פון קלעם
פון וויסטער תהום־פאַרגעסונג — טייל נאָך טייל —
צעפלאַמטע שטיקער לעבן, לאַנג פאַרבײַ,
אַמאָליק וואָס עמלק האָט פאַרלענדט.

זײַן הייסער אָטעם פון די בילדער ברענט
אַראָפּ מיט פיבערפאַרבן פון די ווענט,
זײַן הילפרוף גרייכט אַהער פון טויזנט מײַל —

פון נאַכט פאַרשטיקטער נאַרע אין דער פרעמד,
און ס׳רײַסן זיך צו אים פאַרבענקטע הענט
און בלײַבן שטום געשטרעקט: חבל, חבל!...

פאַר דיין ביילד

נאָך ישראל אַשענדאָרף

דו קוקסט באַזאַכט מיט זיכערקייט אַראָפּ פון וואַנט,
ווי דו וואָלסט ערשט זיך קלייבן אייביק דאָ צו בלייבן.
דו ביסט דאָך איצט אין טראַנס, אין מיטן רעכטן שרייבן
פון ליד, דיין לעבנסליד וואָס שפּאַנט מיט דיר בייַנאַנד.

מיט פּיין און אַנגסט דעם וואַנדערוועג האָסט דורכגעשפּאַנט,
נאָר ס׳האַלט דיך אַלץ דער אומרו ווייַטער אין איין טרייַבן;
דו קומסט אַהיים צו ווייַב און קינד — נאָר ס׳נעמט דיך הייבן...
דו וואָלסט אַוועק, פון זיך, פון אַלץ, ווי פאָרגעאַנט

דיין ראַשיק אומגעריכט דערזעען זיך בייַם ראַנד, —
ווי שווער, ווי טרויעריק דאָס אַלץ זיך צוצוגלייבן
וואָס ס׳איז געשען מיט דיר דאָרט, אין דער ווייַט, אין באַן... — — —

— לעשט־אויס דאָס אָבל־ליכט! ער איז דאָך דאָ, מאַדאַם!
צוריקגעקומען — שוין אויף שטענדיק דאָ צו בלייבן...
אַט זעט, עס פרייט זיך ס׳קינד און שטרעקט צו אים אַ האַנט...

מעין דרך

מיר יידישע שרייבער

מיר, יידישע שרייבער, די לעצטע
פון אַ דור אַ געזאַלבטן מיט פּיין,
פאַרלאַכטע, פאַרשפּאָטע, פאַרהעצטע,
וועלן קיינמאָל די לעצטע נישט זיין.

די שטולן דורך קיינעם באַזעצטע
וועלן לאַנג נאָך אונדז ליידיק נישט שטיין.
אַ דור וועט מיט ליפּן באַנעצטע
מיטן לידערוויין אויפגיין צעשיינט,

און קומען אין אונדזערע גיטער
צו געניסן און שעפּן פון קוואַל,
פון קוואַל וואָס וועט זיס זיין און ביטער

ווי ביטער ס'איז היינט דער צעשפּליטער
אינעם טראַגישן יידישן כלל —
מיר, יידישע שרייבער און היטער.

קרוינען

די זילבערנע קרוינען באַשײַנען
די קעפּ פונעם עלטערן דור
אין טראַגיש־פּאַריתומטער וואָר
נאָך יאָרן פון בלוטיקע פּײַנען.

מע הערט שוין נישט מער די געוויינען
אין ערגעץ — נישט דאָרט און נישט דאָ;
אַ שדים־טאַנץ אין קאַראַהאָד
אויף הייליקע קברים אויף מײַנע...

אַליין כ׳בין ווי אַלע — אָן טענה,
כאָטש רויט כ׳וועל, פאַרשעמט פאַרן וואָרט
פון קדושה וואָס גייט איצט געפּאָרט

מיט כל מיני טומאה אינײנעם...
שטאָט קרוינען כ׳זע שטעכלדראָט גאָר
געקראַנצט אַרום קאָפּ פון מײַן דור.

מײַן דור

איך בעט אײַך, לעבט ווײַטער אין זאַטקייט פאַרוויגט,
נײַן, שטערט אײַך נישט, לאָזט מיך נישט איבער דער שוועל!
מײַן שמייכל געמאַרט: ער איז ליכטיק און העל,
נאָר הינטערן שמייכל פאַרבאָרגן טיף ליגט:

צעשויבערטער פּחד און גרוילן פון קריג,
און אומרו פון זען אינעם אָנהייב דעם סוף,
דעם הונגער אין זאַטקייט, דעם לוין ווי אַ שטראָף,
דעם אומזין אין זין און דעם דורכפאַל אין זיג.

מע מיינט ס'איז מײַן שמייכל דער תוך פון די תוכן,
מײַן יום־טוב פאַרבראָקט איז אין פּראָסטן דערוואָכן,
אַנישט וואָלט דער עלנט מיך לאַנג שוין באַזיגט.

ס'איז ווי צו דעם רשע און ווי צו זײַן שכן!
מײַן דור האָט די שטיינערנע לוחות צעבראָכן,
און דו דאַרפסט עם איינער אַרויסגיין אין קריג.

זינגערס יידישע

זינגערס יידישע
לעצט־פאַרבליבענע
אין די טריבע נעכט
זינקען מידע שוין.

אַן אָפּקומעניש
די ירידה־צייַט;
דער יאַריד פאַרגייט,
נייַע קומען נישט.

פעלדער לידישע
מיט געקוילעטע,
טויט־אַנטשוויגענע.

צייכנס בולטע,
ווײ־געשריגענע —
זינגערס יידישע.

די לעצטע

די לעצטע פּונעם איבערבלײַב
צעטומלט לויפן אין בהלה.
ווער ס'גלייבט נישט מער און ווער עס גלייבט
נאָך אַלץ אין יענעם פּוסטן חלום.

די פּוילן־ערד פאַריאָגט, פאַרטרײַבט
און שיקט זיי נאָך אין וועג אַ קללה.
דאָס שוואַרצע קראָגעקראַ פאַרטייבט
און בלײַבט פאַרשטאָכן אינעם חלל,

ווי סמאָלעשריפט וואָס עמעץ שרײַבט
מיט בערנלאַפּע שוואַרץ ווי סמאָלע.
די ערד איז נאָך נישט זאַט מיט לייב,

כאָטש פול מיט יידיש לייב באַלייבט,
און ס'פלאַטערט אום אַ לעצטע פאָלע —
אַ לעצטער ייִד פון איבערבלײַב.

באַהיט מיך, גאָט!

באַהיט מיך, גאָט, פון פייַן און שאַנד
פון נאַרד־יינג אין מיטן מאַרק
וואָס לאַכט און וויינט און בייגט דעם קאַרק
מיט אָנשטעל פון אַ לאָם, אַ תּם.

אַ קנויל, אַ קאַלטן — נישט צעקאַמט,
זייַן זין — פאַרקרייזט — באַשרענקט און קאַרג,
זייַן אומזין — שפּאָטיק — ווילט און וואַרגט.
דייַן נאָמען רופט ער נאָכאַנאַנד.

אין שותּפות ר׳נעמט אַרייַן דייַן שטאַם,
און גיי דערגיי, וואָס דייַנס איז, האַר,
און וואָס דערפון ס׳איז זייַנס, דעם נאַרס?

באַהיט מיך, גאָט, פון שריפה־פלאַם,
וואָס לייַכט — און לאָזט נאָך זיך אַ באַרג
פון אַש און פּראָך אין מיטן מאַרק.

עס רויטלען זיך די קאַרשן

עס רויטלען זיך די קאַרשן אויף די ביימער,
און ס׳גיסן זיך מיט זאַפטן אָן די פלוימען,
און יעדע פרי זינגט־אויף שירה, לאמור:
— אַ לויב צו דעם וואָס הילט אונדז איַין אין טרוימען.

און ס׳שייַנט דער פּאַרקאַן נייַ: — איר זענט נישט פרייַ מער!
אייַך, פרוכטנביימער, היטן דאַרף מען, צוימען...
און אָפּגעזאָגט די מוסר־רייד, דעם מאמר —
זיך אויסגעדרייט צום שטיבל מיטן קוימען.

און ס׳מורמלען צווישן זיך די פרוכטנביימער:
— אַ חרפּה ווער עס דאַרף זייַן אונדזער שומר —
אַ עקר־פּלויט פון העלצער, דרענגער... קוים מען

וועט דורך אַ שפּאַרע זען אונדז — אַן אימה!...
— אַזוי איז מיט די טרוימען... טרוימען־שמוימען —
האָט פונעם דאַך אַראָפּגעלאַכט דער קוימען.

דאָס הויכע געריכט

מיר קומען און גייען —
אַ שיכט נאָך אַ שיכט.
עס פאָלגן די רייען
ווי אויף אַ געריכט —

די הבלים, די קינים...
עס ברענען די ליכט.
אָפּט קיין פאַרשלייַערט
און הבלים געזיכט —

וויל גילטן פאַר קרבן,
אַז דאָס האָט ער זיך
געבראַכט אויף מיזבח...

נאָר ס'פילט דאָס געריכט
פון מאָרדבלוט דעם ריח:
— ס'אַ מערדער געשטאָרבן!

מענטש און גורל

דער פאַרלוירענער טאָג

דער פאַרלוירענער טאָג זאָל נישט זײַן דיר קיין שאָד,
ר׳איז אַוועק און נישטאָ. ער וועט מער שוין נישט זײַן.
אויך דער מאָרגן, וואָס קומט, וועט זײַן שטעטל באַשטיין.
דו גיב ליבערש אַ טראַכט פון דײַן איצטיקער שעה.

אָט די שעה, אָט דער איצט, דער מאָמענט, וואָס איז דאָ,
זאָל נישט וויאַנען בײַם ווערן, בײַם אויפגיין, ווי דײַן
אויגנבליק, בליצגעדאַנק, ליכטערפלעקס, וואָס באַשײַנט
אויף אַ ווײַל דעם אַרום און דעם רוים, אַלדאָס גראָ,

און צערינט און פאַרשווינד און פאַרזינקט אינעם טאָל
פון פאַרפאַל, פון פאַרגעס, פון פאַרלענד, פון נישט זײַן.
ס׳איז די ווײַל נישט דערווײַליק — דער דויער אַליין.

מיט אַ בעטלערשער האַנט שאַר צונויף טראָפּ נאָך טראָפּ —
רגעס פרייד, רגעס לײַד, רגעס גליק, ווײַן, געוויין
אינעם ערדענעם שאַרבענעם לעבנסקרוג דײַן.

דיוואַר

די וואָר פֿאַלט אַרײַן אין מײַן חלום,
וואָס לעבט אין דער שאָלעכץ פֿון שלאָף,
ווי זון אין אַ קעלער בײַם סוף
פֿון טאָג, וואָס פֿאַרזינקט אין די טאָלן

פֿון נישטגעדאַכט, וויסט — נישט באַמאָלן
אויף לײַוונט, אין שטיין נישט פֿאַרקריצט, —
אַ וואָר אָט אַזאַ וואָס באַזיצט
בלויז ס׳זעלטענע בלאָ פֿון די שטאָלן,

וואָס דויעריק לײַכט אין מײַן חלום,
און וואַרעמט — אַ קוואָקע וואָס בריט,
זיצט־אויס אירע הינדלעך פֿון איי —

באַפֿרײַט פֿונעם שלאָף, פֿונעם שאָלעכץ...
אַ פֿונק בלויז, ווי ערשט הינגעשריי,
פֿון חלום־ליכט — גליט אין מײַן ליד.

כ׳האָב געַרן דעם ערב

באַגין האָבן גאַסן אַן אַנדערן אויסזען,
די ברייטע איז ליידיקער, ברייטער און לענגער,
די לאַנגע — נאָך לענגער, נאָך שמעלער און ענגער.
נאָר נישט זייער אויסזען דאָ איצט בין איך אויסן.

כ׳האָב גערן דעם ערב, דאָס ווערן, דעם איידער,
דעם פֿאַר פֿונעם אָנקום וואָס האָט נישט קיין נאָמען.
דער פֿאָרשפּיל איז שענער פֿון שפּיל אָפטמאָל ליידער.
די זון קאָן זיך קיינמאָל בײַטאָג נישט דערמאָנען

די פֿאַרבן פֿון אויפֿגאַנג, דעם פֿאַרביקן פּעכער.
דער בלינדער געדענקט נישט די וועלט אין איר לײַכטן,
דער מערדער — די ערב־צײַט פֿונעם פֿאַרברעכן.

אַז ווײ דעם נאָכאַלעם! ווער ס׳קאָן נאָר דער ווייכט אים...
דאָס ריינע, דאָס הייליקע מײַדט דעם פֿאַרשווועכער.
די בענקשאַפֿט איז טײַערער פֿונעם דערגרייכטן.

ווי אַ פֿייגעלע

ווי אַ פֿייגעלע קלײַב איך די זשאַרנעס פֿון ליבע,
פֿון אַ באַנק אינעם פּאַרק, פֿונעם מיסט, פֿון דער ערד;
פֿון אַ וואַרעמער האַנט וואָס די גוטסקייט באַשערט.
אומגעשטילט, קיינמאָל זאַט, גיריקפֿול קלײַב איך איבער.

איך פֿאַרנעם פֿון די פֿייגל דאָס זינגען בציבור.
ווי פֿאַרגאַפֿט גיי איך אום פֿול מיט שטוינונג אין אויג.
כ'בין פֿאַרליבט ווי אַ קינד, ווי אַ נאַר, ווי אַ צוויג
סײַ אין טעג העלצעזונטע, סײַ וואָלקנדיק־טריבע.

איך באַוווּנדער דאָס מיאוסע צוגלײַך ווי דאָס שיינע.
ווי דאָס גוטס נעם איך אויף, נעם פֿאַר ליב אויך דאָס שלעכטס.
כ'האָב פֿאַראייגנט דאָס גליקגעשריי פּונקט ווי דעם קרעכץ.

איך אַנטלויף נישט אויף לינקס און איך יאָג נישט נאָך רעכטס.
פֿון איין קעסל מיר עסן דאָס וועלטיש געקעכץ,
און די ביינער מיר לאָזן — די אייגענע ביינער.

מיר זענען ביידע...

מיר זענען ביידע ווײַט נאָך, ווײַט פֿון ראַנד,
ווי ווײַט עס איז דער ים פֿון ברעג ביז ברעג,
דאָך פֿילן מיר זײַן טעם שוין אין די טעג,
זײַן נאָענטקייט דערלאַנגסטו מיט דער האַנט.

ס'איז יונג נאָך ס'האַרץ בײַ דיר, בײַ מיר, ס'דערמאַנט
אַ לאָשיקל אויף לאָנקע וואָס פֿאַרשמעקט
מיט גרינס און רויטן מאָן בײַם זײַט פֿון וועג,
מיט אַלע זיבן זאַכן גוט באַקאַנט

פֿון דײַן און מײַן אַמאָל, פֿון ווײַטן העק,
ווי מ'האָט געלאָזט די קינדהײַט אומבאַפֿלעקט —
דעם שפּור פֿון איר וואָס האַלט אונדז הײַנט בײַנאַנד —

מיר היטן אָט די גאָב ווי אַ פֿאַרמעג,
זי זאָל נישט אָפּטון זיך ביז לעצטע טעג,
ווי לעצטע שטאַפּלען באַרגאַראָפּ צום ראַנד.

מע ווערט נישט ייִנגער

מע ווערט נישט, קינד מײַנס, ייִנגער,
מע עלטערט זיך צו ביסלעך.
די פֿרוכט ווערט רײַף און זיסלעך,
נאָר ס'מאָנט דער לעבנס־הונגער...

עס רוישט דאָס בלוט צעקלונגען
און קאָן ווי ס'איז נישט ווערן
געזעטיקט פֿול — ס'וואָלט גערן
די גאַנצע וועלט פֿאַרשלונגען.

נאָר זיך אַריבערשפּרינגען
קאָן קיינער נישט באַווײַזן.
ס'פֿאַרפֿלעכטן זיך די רינגען

פֿון אַלע האָפֿענונגען
אין קייטן — שטאָל און אײַזן —
פֿאַר נײַע רייען — יונגע.

האַלט־אײַן דעם לויף...

האַלט־אײַן דעם לויף פון צײַט,
זי זאָל אַזוי נישט לויפן...
ס'איז גוט באַקאַנט דער אופן
פון ראַשן לעבנסבײַט —

צי עמעץ איז שוין גרייט,
צי נאָך צומאָל נישט גרוי פון
געדאַנק, אַז אַלץ פאַרגייט,
אַז ס'העלפט נישט קיין אַנטלויפן

אין הייל, אין העק, אין ווײַט —
דעם וועג וועט פלינק פאַרלויפן
דער שאָטן אָן פאַרמײַד

וואָס היט, באַוואַכט, באַגלייט
ביז ס'בלײַבט אַ ביינער־הויפן
אויף גאָפּלציין פון צײַט.

עלנט, זײַ געבענטשט!

קלאַפּ, הערצעלע, קלאַפּ,
דו מאַך נישט דײַנע קונצן.
כ'האָב נאָך אַזוי קנאַפּ
דערגרונטעוועט דעם גרונטזין

פון מײַן לעבנסגאַנג
אויף אונדזער כישוף־באַלעם;
מיט מײַן מענטשגעזאַנג
בין איך נאָך אַלץ אַ בעלן

אויפן פירמאַמענט
אַ שטערן אָנצוצונדן —
ווי אַ טרייסט דעם מענטש

אין זײַן אַנגסטמאָמענט
צו זאָגן — אויס די ווונדן:
— עלנט, זײַ געבענטשט!

די עלטערלעכע טעג

די עלטערלעכע טעג — באַזילבערט, ווײַס, מיט פֿליכן —
וואָס וואַרטן שוין בײַם ברעג פֿון אַלע לעבנסברעגן
ווי קינדער קענען נאַכט — פֿול פּלאַטער, פֿול מיט שרעקן,
אַליין אינעם פֿאַרדאַכט — צו קינדער שטאַרק געגליכן.

אַליך שמעלער ווערט דער וועג, וואָס פֿירט נאָך אַלע וועגן;
ס'לײַכט - אויף אַ באַנג אַ ליב — פֿון גוטע יאָרן זיבן —
אַ קוש, אַ וואָרט, אַ בליק — דאָס אַליך וואָס איז געבליבן
פֿאַר עלטערלעכע טעג — דאָס טײַערסטע פֿאַרמעגן.

עס וואַרט די נאַכט: סוף וועג — טאָ זאָל זי דאָרטן וואַרטן
מיט אײַנזאַמען געלעגער, פֿינצטערן און האַרטן,
מיט גרינעם גראָז און שטיין, מיט אירע פֿיר אײַלן.

נישטאָ מער קיין געיעג — נאָך וואָס זיך יאָגן, אײַלן...
טאָ לאָזט די עלטערטעג — וואָס ס'איז זיי שווער דאָס שיידן
אין שײנעם שקיעה־שײַן — זיך עלטערן אין פֿריידן.

וויזן

מיר רוקן זיך פֿאַמעלעך —
אַ שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל
און היטן ווי ס'שוואַרצאַפּל
דאָס לעצטע: פּת במלח...

וואָס איז אונדז נאָך געבליבן
ווי אויף דער ערד צו שלאָפֿן
מיט אויגן וואַך און אָפֿן,
מיט תּפֿילה־שעפּטש אויף ליפּן.

קיין טעם נישט מער צו פֿילן
אין דעם וואָס אַלע גלייבן
דעם צווייפֿל צו פֿאַרשפּילן.

און דאָך — די זעלבע תּפֿילה:
נאָך אַלץ כדאַי צו בלײַבן
אַן אונטערטאַן פֿון ווילן.

ליכט און פאַרב

ליכט און פאַרב און רויש, געקלאַנג
און שמייכלען ליבלעך־אָנגענעמע.
טויש פון בליקן — מאָניק, באַנג...
ווי לייַכט דאָס לעבן לאָזט זיך נעמען.

דאַכט זיך, דויערן ס׳וועט לאַנג...
אין פליגל־פלאַטער מיר פאַרנעמען
ציטערדיקן פלעמלצאַנק
פון נאָר־וואָס אויפגעלויכטע געמען.

שיין — נישט וואָר? — דער לעבנסגאַנג.
אין שפיגל פון דער צייַט דערקענען
מיר דעם אומזין פון פאַרלאַנג,

פון יאָג נאָך ליכט, נאָך פאַרב און קלאַנג, —
ווען אַלע, אַלע בריקן זענען
הינטער אונדז פאַרברענט פון לאַנג.

ס׳װעט בלײַבן װי געװען

נײן, זוך נישט קײן אָנטרינונג, מענטש, דו װעסט
איך ערגעץ פֿון דײַן גורל נישט אַװעק.
ס׳מוז שלום מאַכן אַלץ, פֿון קלענסט ביז גרעסט:
ס׳איז אײנער נאָר פֿאַר אַלעמען דער װעג.

דאָך מיט אַנטציקטן מענערבליק מע מעסט
די װײַבלעכקײט, די ליניע, פֿאַרב, באַװעג.
ס׳זעט אײנער אינעם אַנדערן דעם מת,
װאָס פֿ אַ ר אים װעט פֿאַרלאָזן דעם זײַט ברעג.

ס׳װעט בלײַבן װי געװען אַלץ איז ביז איצט,
דער פֿרילינגבלי, די ליבע און די שרעק,
און נעמען פֿריש אין בוים און שטײן פֿאַרקריצט.

און דור נאָך דור װעט קומען און אַװעק,
און װײַטער װעט מען קלעטערן צום שפּיץ
פֿון לעבנסבאַרג אין הימלען הויך געשטרעקט.



מײַן אָפּבילד

איך וואָלט ווי יענער מלך

איך וואָלט ווי יענער מלך
אַליין געווען קאַפּאַבל
זיך אָנצוטון אַ קאַפּל,
זיך מאַכן לוסטיק, פריילעך.

אין מלך־אביונס הילוך —
איך לאָז זיך אין אַ טענצל,
מיט ווייַבער אין אַ קרענצל
אַלץ גיכער יאָג איך, אײַל איך.

אַזש ס'ציטערט אַלץ, ס'קרעדענצל,
דער טיש, דער דיל, ווי דענצמאָל,
ווען הלוך האָט געילכט —

אָן זאָרג פון מענטשנס ענדציל,
פון אײַנפּאַקן דאָס רענצל
און זאָגן זיך: — וילך...

בענקשאַפט

דו וואַרטסט אויף מיר — כ'וועל קומען.
די בענקשאַפט וואַקסט און יערט
און ווי די ערד זי ווערט
מיט זאַפטן דורכגענומען.

דו הערסט איר רוף, איר ברומען...
ס'איז יעדן מענטש באַשערט
דעם זעלבן חלק ערד,
דעם האַרבסטיקן און שטומען.

און ווי אַ בינטל בלומען
די בענקשאַפט קוואַרט און ווערט
פון זיך אַליין פאַרצערט,

און ס'ביטערט אויפן גומען
איר רוף, ווי קברות־ערד —
פון קיינעם ניט דערהערט.

פאַרן מאָרגן

פאַרגרייט דײַן פּנים פאַרן מאָרגן,
דעם לעצטן אויסזען פון דײַן בילד,
אַרום דעם מויל אַ שמייכל מילד,
דער שטערן בלויז צעקנייטשט פון זאָרגן.

אַרומגעשפּאַנט — אַ נאַר אויף טאָרגן,
געדוישלט זיך ווי פול מיט שולד.
דער בליק פאַרטראַכט, געצוימט, געקילט,
ווי עפּעס וואָס ער וואָלט פאַרבאָרגן.

צופּוסנס דיר, זע, ליגט דערוואָרגן
די בענקשאַפט — אייביק־אומגעשטילט,
געצאַפּלט, זיך געריסן ווילד...

אין זילבערקרוין דײַן קאָפּ געהילט,
און ס'זאָגט די קרוין דיר: — ביסט פאַרשפּילט,
גרייט־צו דײַן פּנים פאַרן מאָרגן.

די גאָלדענע יינגלשע יאָרן

די גאָלדענע יינגלשע יאָרן!
ווי נעם איך אַ טאָג כאָטש פון זיי,
נישט פילן דעם פּיַין און דעם וויי
פון אַלץ וואָס צו אַש איז געוואָרן,

און לויפן צעזונגענע אין קאָרן...
כ׳פאַרנעם דאָ מיַין אייגן געשריי.
די נאַקעטע ערד גליט און פרייכט
פון היץ אינעם זומערטאָג קלאָרן.

כ׳הער שאַלן דעם גאָלדענעם האָרן.
גאַלאָפּ, ווי אַ ווינט, יאָגט פאַרביַי
מיַין חלום — אַ ריַיטער מיט שפּאָרן.

כ׳נעם לויפן דורך שטרויכל און דאָרן,
פאַרבליפט כ׳יאָג זיך נאָך אַלץ ביז היַינט
ווען ס׳איז שוין אויס־חלום געוואָרן.

כ׳האָב ליב דעם בײַט

כ׳האָב ליב דעם בײַט, דאָס שפּיל פון שטומע פאַרבן,
די פאַרבן שפּיגלען זיך אין מײַן געמיט.
ווען כ׳וויים נישט, אַז מע דאַרף אַמאָל אויך שטאַרבן,
ווי אָרעם וואָלט געווען דאַן מײַן ליד.

עס זוכן מײַנע פינגער די קלאַווישן
אין אָט דער שטילער שעה, ווען איך דער׳אַן,
אַז גאָר מײַן לעבן לאָזט זיך לײַכט פאַרווישן,
און אַז דער טויט איז אומעטום פאַראַן.

איך וואָלט צונויפגענומען אין מײַן ליד
דאָס פורפורבלוט פון אַלע זונפאַרגאַנגען, —
זאָל עס לײַכטן איבער אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגלעך...

און ווען עס וועט דער טויט מיך צו זיך רופן,
טאָ זאָל עס דעמאָלט זײַן אין מיר די רו פון
דעם עפּלבוים וואָס האָט שוין אָפּגעבליט.

מײַן אָפּבילד

מײַן הייסער צעפּיבערטער אָטעם
פֿאַרנעפּלט די שויבן, פֿאַרהויכט...
עס לעשט זיך מײַן אָפּבילד, מײַן שאָטן —
ווי איבערגעצויגן מיט רויך.

כ׳בין מער שוין נישטאָ אין די שויבן,
פֿון אייגענעם אָטעם — פֿאַרשטעלט.
די צײַט וועט מײַן פּנים פֿאַרשטויבן,
דאָך בלאָנדזשען ס׳וועט איבער דער וועלט

אָן חשבון פֿון צײַט און פֿון יאָרן
און אויפּטויכן רייַן, אָן אַ שטויב
ווו ערגעץ אין וועמענס זכּרון...

אַזוי ווי דער שוועב פֿון אַ טויב —
אַ בלענד־טון אַמאָל אַזאַ קלאָרן
אין יאָרן אַרום אין אַ שויב.

א י נ ה אַ ל ט :

התנצלות פונעם מחבר פאַר דער השגחה העליונה, פאַרן לייענער,
דעם קורא נכבד און אויך פאַר זיך אַליין — — — — — — — — 5

פ אַ ר י ז ע ר ס אָ נ ע ט ן

ס'עס טרעפט... — — — — — — — — — — — — — — 17
דער וועג צום ליד — — — — — — — — — — — — — 18
מ ײַ ן צ ע ר — — — — — — — — — — — — — — 19
פונעם שוימיקן שײַן — — — — — — — — — — — 20
ש פ י ג ל ע ן — — — — — — — — — — — — — 21
פ אַ ר י ז ע ר ב ו ל וו אַ ר ן — — — — — — — — 22
פ ר י נ ץ ־ פ אָ ע ט — — — — — — — — — — — 23
וו אָ ק ז אַ ל ן — — — — — — — — — — — — — 24
די באַנק אין ביטשעמאָן — — — — — — — — — — 25
פאָעט און קלאָשאַר — — — — — — — — — — — 26
אין פאַרק מאָנסאָ — — — — — — — — — — — 27
פאַריזער פרילינגטעג — — — — — — — — — — 28
פיגאַל ־ מאָזאַיִק — — — — — — — — — — — 29
א י ן ק אַ ב אַ ר ע ט — — — — — — — — — — 30
אין דער גאָרטן־אַלעע — — — — — — — — — — 31
נ אָ נ ע ס — — — — — — — — — — — — — — 32
בײַם טויער פון פער־לאַשעז — — — — — — — — 33
פ ר ו י ע ן — — — — — — — — — — — — — — 34

טעאַטער־סאָנעטן

טעאַטער — 37
אַקטיאָר — 38
הינטער־קוליסן — 39

ים־סאָנעטן

די ימיקע וואַסערן — 43
פאַנטאַסטישע לאַנדשאַפט — 44
סיבילד פונעם זונפאַרגאַנג — 45
פאַר שטורעם — 46
ים־סימפאָניע — 47
כוואַליעס — 48

בוענאָס־איַירעסער סאָנעטן

אויפן בוענאָס־איַירעסער ברעג — 51
אין טיף פון קאָריענטעס — 52
בײַנאַכט אויף קאַזשאַאָ — 53
מיסטקלײַבער — 54
רעקלאַמע — 55
סך־הכל — 56
מענטש! — 57
אַ לויב דער ערד — 58
אויטאָ־קאַטאַסטראָפע — 59
דער יונגער בעז — 60
שפּיטאָלגראָז — 61
אַוועניִדע גאַאָנאַ — 62
אויף טאַבלאַדע — 63
פאַרטאָג אויפן פאָרשטאָט — 64
פישפאַנג — 65
אַרגענטינער פּייסאַזש — 66
ס׳איז גוט... — 67
זונפאַרגאַנג — 68

אינטימע סאָנעטן

שרעק זיך נישט — 71
דאָס קינד — 72
די קימפעטאָרין — 73
סטאַטוע פון טרייסט — 74

סאָנעטן פון פּאַרנאַס

גראַף טאָלסטוי — 77
אַדאַם מיצקעוויטש — 78
זשאַן אַרטור רעמבאָ — 79
אויפן פּאַרנאַס — 80
יוליאַן טוּווים — 81
דזשאַמבול — 82
זײַן געשטאַלט — 83

סאָנעטן וועגן זעקס פאַרפּײַניקטע יידישע פּאָעטן און אַ זיבעטן

פּאָעטן־מאַרטירער — 87
אויף דער אַלטער קייט — 88
אין שפּאַן — 89
בראָדיאַגעס — 90
דער פּחד — 91
דער צעטראָטענער — 92
פּרינץ פון גאָרקי־גאַס — 93
אין יענער שטורעמנאַכט — 94
דער זיבעטער — 95
אין אייביקן געגיי — 96

סאָנעטן נאָך...

אַ זעלנער איז געפאַלן — 99
טרערן — 100
יוסף אָפּאַטאָשו — 101
דעמב נאָך דעמב — 102
ס'איז אַוועק פון אונדז אַ שעפער — 103
די פּאַלמעס באַגריסן דײַן קומען — 104
דער מאָלער — 105
פאַר דײַן בילד — 106

סאָנעטן פון מײַן דור

מיר, ייִדישע שרײַבער — — — 109
קדאיגען — — — 110
מײַן דור — — — 111
זינגערס ייִדישע — — — 112
די לעצטע — — — 113
באַהיט מיך, גאָט! — — — 114
עס רויטלען זיך די קאַרשן — — — 115
דאָס הויכע געריכט — — — 116

סאָנעטן פון מענטש און גורל

דער פאַרלוירענער טאָג — — — 119
די וואָר — — — 120
כיהאָב געזן דעם טרב — — — 121
ווי אַ פייגעלע — — — 122
מיר זענען ביידע ... — — — 123
מע ווערט נישט ייִנגער — — — 124
האַלט - אײַן דעם לויף — — — 125
עלנט, זײַ געבענטשט! — — — 126
די עלטערלעכע טעג — — — 127
ווילן — — — 128
ליכט און פאַרב — — — 129
סיוועט בלײַבן ווי געווען — — — 130

סאָנעטן פון מײַן אָפּבילד

איך וואָלט ווי יענער מלך — — — 133
בענקשאַפט — — — 134
פאַרן מאָרגן — — — 135
די גאָלדענע ייִנגלשע יאָרן — — — 136
כיהאָב ליב דעם בײַט — — — 137
מײַן אָפּבילד — — — 138

פון זעלביקן מחבר דערשינען:

ווײַסע פרימאָרגנס, לידער — וואַרשע, 1931

מקום, פּאָעמע פון אַלטשטאָט — ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1936

ליריש באַלאַדן — פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1940

מגילת ייִד, לידער, באַלאַדן, פּאָעמען — פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן", וואַרשע, 1948

לבנה־קריכער, פּאָעמען — ביכער־סעריע פון ייִדישן פּען־קלוב, פּאַריז, 1951
(אַרגענטינער האָפּער־לייב־פּרעמיע בײַם קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק)

100 סאָנעטן — פאַרלאַג „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער" בוענאָס־אײַרעס, 1957

פאַרפאַלנגעוואָרענע ביכער:

אַמאָל איז געווען אַ מעשה — וואַרשעווער פּען־קלוב, 1939

אַזוי איז דאָס לעבן — מינסקער ווײַסרוסישער מלוכה־פאַרלאַג, 1941

אין צוגרייט צום דרוק:

אַ יינגל פון וואַרשע, ראָמאַן

דאָס ליד פון אויסטערלישן יאַריד, לידער, באַלאַדן, פּאָעמען

אין באַראָן הירשס גיטער, איבער יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע

אייראָפּעיִשע און מיטלאַזיאַטישע פאָלקסזינגער און פּאָעטן

פּאָרטרעטן און בילדער פון מיין ליטעראַרישן אַלבאָם

באַגעגעניש פון לעצטן געטאָ־ייִד מיט די עשרה הרוגי מלכות — פּאָעמע

גוף און נשמה אין קינסטלערישן ווערק, עסייען